STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02875

ES LIKHTIKT

Sholem Shtern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום שטערן

עם ליכטיקט

מאָנטרעאָל, 1941

Copyright 1941,
by Sholem Shtern

אַרויסגעגעבן פון קולטור קאָמיטעט
ביים יידישן הילפס פאַריין.

83

Printed in Canada

סאָניען מיט ליבשאַפט.

בענטשונג

פֿאַרוויגט

פֿאַרוויגט אין שאָרך פֿון גרינעם גראָז.
דער הימל בלוי, געשליפֿן גלאָז.
דאָס מאָך אויף שטיין קרישלט פֿרייד.
טיפֿע רו שטילט אין בוים, אין בלעטער־קלייד.
און די זון אויף העכסטן באַרג האָט זיך אָפּגעשטעלט.
העל און אָפֿן ווינטלט זיך דאָס קאָרנפֿעלד.
און בוים, גראָז און בליט,
מיט מיין געמיט זינגט מיט,
זינגט מיט.

וואָר

א.

אביימל דעכלט איבערן שטיין.
דאָס וואסער הוילט זיין הארטן ביין.
די אלטקייט מעסערט זיין געזיכט,
מיט רעגן־טריט, מיט ווינטן־שניט.

און פרייד און לייד,
שטומען אינעם שטיין.
לויטער, ריין דער ווייסער פיין,
אין זיין האַרץ איז אַריין.

און ווען עס טאָגט.
ארום איז שטיל און לער,
בלויז דאָס טייכל — א פולער בעקן,
בלעזלט זילבערנע פלעקן.
און גאָרנישט, גאָרנישט מער.
איז וואָר, איך הער:
נישט דער ערשטער קומסטו אהער,
דעם טרויער אין מיינע שפאָלטן באהאַלטן —

ב.

באנאַכט, איבער מיר
לבנהס צויבערדיק געזיכט.
מיניענדיק, שטערן־ליכט.
איז וואָר:
פארטרויערט, העל און העלער,
דעקט פון שטיין זיך אָפּ א שלייער,
און דאָס דורכגעפיינטע וואָרט, בלוטיק, הייס,
לויכט פון זיין האַרץ ארויס.
און די טרייסט פול אזוי גרויס,
ביז עס ברענט אין מיר דער חלום אויס —

נישט געמינערט

א.

בערג און שטיין און מאָכיקער שימל.
וואלד און פעלד און שטילער הימל.

ווי געוועזן — נישט געמינערט,
האַרבסט אויף בוים ברענט אַ צינדערט.

געפלעקטע קו, ברוינער פערד,
פּאַשע־גראָז די גאַנצע ערד.

ווי געוועזן — נישט געמינערט:
אין גאָרטן דאָס קינד.
ביים טויער דער הונט.
זעגל־שיפל אויפן טייך.
אין טאָל דאָס ליים גאָלדיק, ווייך.

ווי געוועזן — נישט געמינערט,
זוניקער האַרבסט,
צוויבערדיקער סעפּטעמבער,
בעריאָזקעס וויגן זיך אין די ווייסע
קאָרע־העמדער.

פּאַשען זיך די שאָף,
פּאַשען זיך די רינדער.
שטיל און מילד,
ליכטיקט דער טאָג אויף די פעלדער.

ב.

און אומעטום דאָ
פרייד און רו.
יעדער בלאַט,
מיט זומער זאַט.

נאָר איך זוך די רו אַרום,
כאָטש די רו איז אומעטום.

ווינטל פּליקט געלן בלאַט,
עס איז מיט צער מיין לעבן זאַט.
אָפּגעזוומערט שטייט מיין וועלט,
ווינט האָט אויסגעריסן מיין געצעלט.

יונגע טעג אין פּיין,
נאַכט פון טרוים
אין שטיל־געוויין.

בענטש

הארבסט,
דער וועג רויט און וואלדיק.
שטיינער ליגן שווער, געדולדיק.
דאָס וואָרט נאָענט, פריידיק.
די ליבשאפט טיף און פלאמיק.

דער טאָג איז גאָלדיק.
די זון אין וואלד — א רויטער ציגל.
דער הימל — לויטער שפיגל.
מענטש — ערשט און איינציק,
צו דער ערד פאל און בענטש!

ווי העל

באַגין, טונקל און בלוי.
פון די בלעטער קאַפּעט דער טוי.
אויף שטיינערנע אָרעמס
קלעטערן ביימלעך — גרינע שירעמס.
און לויטער די שעה.
ווער איז דאָ?
קינדעריש פארליבטע — בלויז איך און דו.
און כאָטש אומעטום איז שטיינערדיק, פארטרויערט.
זע שוועסטער, ווי העל,
די זון האָט דעם הימל דורכגעבויערט —

אָפּגעבליט

דו מיין איינציק, נאָענטע,
ביסט געקומען אין אָפּבלי פון מיינע טעג.
דאָס אויסגעבענקטע גליק טונקלט אויפן וועג.

און דו — דיין האַרץ פול מיט באַגער.
יונג, צוזאַגנדיק גאָלדיקט דער טאָג פאַר דיר.
אין אויסגעגעשטערנטע נעכט, באַם וואַלד,
קלאָר און ריין קלאַפּט דאָס וואַסער צווישן שטיין.
און די בענקשאַפט ברענגט אין בלויען שיין
דעם ליכטיקן חלום צו דיר,
און עס קוועלט פון פרייד א טרער —

און איבער מיר וויגט זיך דער שאָטן פון פאַרגיין
ווי א צווייג איבער א מצבה־שטיין.
טונקל, זאַמדיקט זיך דער וועג,
ווייט, פאַרהוילט, אַוועק.
דער טרויער גליט.
מיין ליד איינזאַם, פאַרהילט.

גיי —
אָפּגעבליט האָט דאָס געזאַנג
פון פריד און פרייד.

לבנהדיקער טרויער

לבנהדיקער טרויער,
אזוי ליכטיק און ריין,
אויף דאָרן און שטיין,
אויף טויאיקן גראָז,
און ווייסן מויער.

אָפּן און פארלאָזן זאמדיקט זיך דער וועג.
אין ווייסן עלנט שטייט א פורל אין פעלד אליין.
אנטפלעק זיך צו מיר סוד פון אייגענער פיין,
— אין לבנהדיקן טרויער, אין ליכטיקן שיין

פון ווייטסטן וואָגל

איך בין מיד,
אויף מיר דער שטויב פון ווייטסטן וואָגל.
איך זע, גייסט אויפן זאמדיקן וועגל,
אויף דיין אַקסל דער וואַסער־לאָגל.
קיל אָפּ מיינע צעפּלאַצטע ליפּן,
כאָטש איך האָב אליין זיך אין מדבר פאַרטריבן —

דאָס געלעגער דאָרנט אונטער מיר.
פּיין און סם אין מיינע גלידער.
פאַרגיב, פאַרגעס, נעענטער זיך ווידער,
ווי אַמאָל, זאָל איינשטילן דער וואַרעמער ציטער.

געדענקסט, אויפן שטיין, אין וואלד:
עס טריפט דאָס בלוט פון מיינע פינגער.
רייסט ארויס דעם נאָדלדיקן דאָרן.
די ליבשאַפט פירט אין זוניקן קאָרן.

איצטער, ווייס איך, וועסט דערהערן,
איינדערשטיל, אין זיך, מיין ליכטיק שווערן:
שטענדיק וועט מיין ליבשאַפט דיך באַגערן.
פאַרגיב זשע, פאַרגעס, נעענטער זיך ווידער,
ווי אַמאָל, זאָל איינשטילן דער וואַרעמער ציטער.

האַרבסט

דער וואַלד אין פלאַמיקן טרויער.
שאַטנדיקע־שטיל פול מיט לויער.
דער ברעג געל־געפלעקט.
לײַדיק, אָפן דער וועג —

די נעפּלען אויפן טײַך גרויען.
דער הימל הויך, אין טיפן בלויען.
האַרבסט מיט רויטן בריליאַנט,
פינקלט אין זוניקן לאַנד.

און ריין דאָס האַרץ מײַן.
איך רעד פון דיר.
דאָס ייִנגעלע שטרעקט זײַן האַנט צו מיר.
די טריט גאָלדיקן אין זאַמד.
מיט אונז די ליבשאַפט שפּאַנט.

און דער טאָג
אין שטילן אומעט געלייטערט,
זינגט דאָס ליד
פון רו און פריד —

בענטשונג

די ביימער שומען.
איך רעד הויך ארוים דיין נאָמען.
און אויפן בארג לבנה שטייט.
אין טייך א ווייס שטיק אייז זיך דרייט.

און טרייסט אין מיין געמיט.
דער שטיין בא מיינע פיס קניט.
שעפּטשענדיקער ריר,
מיין בענטשונג אָפן פאר דיר:
ווערטער אין ליבשאַפט בליען.
טרערן דאָס פנים בריען —

און טיף, בלוי דער הימל.
דער שטיין הויערט — א מיד קעמל.
און אויפן בארג לבנה שטייט.
אין טייך א ווייס שטיק אייז זיך דרייט.

מיר פאַרגעסן

מיר פארגעסן גאָר
אין דער גרויליקער וואָר:
עס ווארעמט דיין הארציק, פארליבט געוויין.
אין טרוימערישן דרימל,
דיין האנט וויגט איין.
שפרייט אין שטוב זיך די פרייד.
די נאכט ליגט ווייס און ברייט.
איבער אונז הענגען שאָטנס — זילבערנע סטענגעס.
העלט די בענקשאפט אין טרוימערישן דרימל:
פרימאָרגן־גלי
אויף טויאיקן בלי.
דער וואלד שטייט אין פארע
ביז די קני.
יונג, פארליבט,
דאָס הארץ פול און וואך,
עס גאָלדיקט זאמדיקער שליאך —

איצטער שכורט ווידער,
זיסער ריח פון סמאָלע ברעטער.
אזוי פיל גליק אין יעדן ציטער.
מיר קינדעריש פארליבטע,
פארגעסן גאָר
אין דער גרוילנדיקער וואָר —

אָוונט־רויט

אָוונט־רויט.
נישט אַ האַרמאַטן־קויל פליט,
בלויז לבנה — דאָס קופּערן פּענדל,
צווישן ביימער האָט זיך פאַרטשעפּעט.
אין טייך שווימט אַ שטערן — אַ זילבערן רענדל.

נישט שרעק זיך,
נישט אַן עראָפּלאַן זשומט,
דאָס וואַסער שומט.
ביימער און גראָזן,
אין שאָטנס פאַרהילט.
איך וועל דאָס פייער צעבלאָזן,
דעק זיך צו,
פרידלעך דרימלט גרינע־רו.

איך וועל דערציילן דיר אין אָט דער שעה,
ווי דאָס קינד האָט געשפּילט זיך און געלאַכט,
ביז עס איז געפאַלן די נאַכט:
ער — אַ בער.
איך — דער וואַלד. מיין פּאָלע — די נאָרע.
ער רייסט מיין אַרבל — אַ שטיקל קאָרע.

שמייכלסט ליכטיק.
דער הימל צווישן צווייגן,
בלוי און ציכטיק.
דער וואַלד איז פול מיט גלוסטונג.
לאָמיר איצט פאַרגעסן אין דער גרוילנדיקער וואָר.
ווייל מאָרגן אפשר וועלן מיר רויטע קריגער,
שפּאַנען ווייט פונדאַנען.
מיין יינגעלע וועט נישט וויסן פון מיין געביין.
נו, שטילער, נישט וויין.

דעק זיך צו,
עס פֿאַרהילט די גרינע־רו.
זע, עס קומען אָן די ליכטיקע באַפֿרייער.
איך וועל די פֿונקען צעבלאָזן.
שטיל, ווייד, שאַרכען די גראָזן.

בענקשאַפֿט

רויט, גאָלדענע פֿלעקן אויפֿן זאמד.
די זון אין רו איז אויסגעגאַנגען.
אין די גראָזן שאָרכען שלאַנגען.
און איבער בערג און וואַלד,
אָוונטיקע שטילקייט שפּאַנט.

פֿינטלען אויטאָמאָבילן אויף ווייטע, הויכע וועגן.
א האַרמאָניקע רירט דאָס גרינע שווייגן.
יאַראָש וואַגלט באַ נעפּלדיקע ברעגן.
שטיל, פֿאַרבענקט א געזאַנג מיט נאָגן:
מיידל דו — אין היימישן לאַנד ווי שיין ביסטו!
מיין בענקשאַפֿט — שטאַרקער, ברענענדיקער פֿון מדבר־דורשט.

פֿינטלען אויטאָמאָבילן אויף ווייטע, הויכע וועגן.
באַם בריקל שטייט א פֿערד און וואָגן.
לבֿנה שפּיגלט זיך אין טייך,
און דאָס געזאַנג איינעמענדיק און ווייך —

אָוונט

א.

יאַנעק אויפֿן גאַנעק.
האַנקע באַ דער בייט.
אָוונט וואַרפֿט אויף ביידן,
דאָס בלויע שאָטן־קלייד.

יאַנעק פּייפֿט אַ ניגון:
די ליבע איז אַ ליגן.
און אַליין זעט ער זיך ליגן
אין הויכן קאָרן־פֿעלד,
און איבער אים און האַנקען
צעשטערנטער הימל העלט.

יאַנעק שפּרינגט אין גאָרטן.
האַנקע לאַכט באַ דער בייט.
אָוונט טוט אָן ביידן,
דאָס בלויע שאָטן־קלייד.

האַנקע צאַפּלט,
אין יאַנעקס הייסע הענט.
פֿרייד און ווילד באַגערן ברויזן,
אונטער ביימערדיק־געצעלט.

פֿלאַמען גרין די גראָזן.
פֿייגל שוועבן איבער רויזנבייט.
אָוונט בינדט ביידן
מיט בלויער שאָטן־קייט.

בענקשאַפט

ב

בײַם ברעג־וואַלד,
אונזער הילצערנע כאַטע.
דאָס קוימענדל רויט,
אין גאָרטן, אַ בײַטן־קרויט.

בײַם ברעג־וואַלד,
אונזער הילצערנע כאַטע.
טעג ליכטיקע און זאַטע.
קינדערלעך שײנע,
אײנע אין אײנע,
גלעטן װעט זײ דער גוטער טאַטע.

בײַם ברעג־וואַלד,
אונזער הילצערנע כאַטע.
פֿול מיט תּבואה דער שײַער.
גוט און שטאַרק דײַן האַנט,
און דו ביסט ליב און טײַער.

אַזוי האָט האַנקע געטראַכט.
אַזוי האָט האַנקע איר יאַנעקן,
אײַנגערוימט איר ליכטיקן טרוים,
אין אַ זומער־נאַכט.
דאָס האַרץ אין ליבע,
האָט געפֿרײדט זיך און געלאַכט.
אַזוי האָט זיך זײ, זײער לעבן, אױסגעטראַכט.

ג.

נאך דער חתונה א פּאראבעק
איז געוואָרן יאַנעק.
פרעמדע גיטער ער היט,
און קומט אהיים געבויגן, מיד.

און זיין האנקע א גאַנצן טאָג,
בויגט זיך איבערן וואַש־ברעט.
אין די רייכע הייזער, בלאַנקט
פון אירע הענט דאָס גרעט.
בײנאַכט שווער איז יעדער אבר,
הארט דאָס בעט ווי אויף שטיינער.
און מיט קינדערישער פרייד,
קלעמט זיך אין איר איין,
פראַנעקל דער קליינער.

און די קינדערלעך די שיינע,
די קינדערלעך די קליינע,
קלויבן פּאַזעמקעס אין די וועלדער,
גראָבן קאַרטאָפליעס אויף פרעמדע פעלדער.
פון הונגער און שווערע פיינען,
טרערן אין זייערע אויגן שיינען . . .

די ליבשאַפט גרויס און שטאַרק.
איבער אים פינצטערט דער טאָג — א פעלזן־באַרג.
יאַד און הונגער שווער.
עס שרעקט דער פּאַן — דער בייזער בער.
יעדע שעה אויף זיין האלז — א מילשטיין.
פאַרוואָס הונגערסטו ליבע היים ?
וואוהין, צו וועמען גיין ?

ד.

צאַרנט יאַנעק קענן פּאַן — דעם רייכן יאַן,
פינצטערט ער איצטער הינטער גראָט.
און אין זיין האַנט דער אָפּגעריסענער, האַרבסטיקער בלאַט
דערמאָנט דאָס היימישע, דאָרפישע לאַנד,
שטאַרקט די בענקשאַפט צו האַנקען, צו די קינדער
און צום רויטן, האַרבסטיקן וואונדער.

יאַנעק האָט זיין ליבשאַפט,
זיין גלויבן נישט פאַרלוירן.
עס בענקט נאָך אים זיין האַנקע,
זיין טרייסט אין טעג, אין קראַנקע.
ער ווייסט, די כלאָפּעס און זיין זון פראַנעק,
וועלן נאָך דערשלאָגן אַלע פּאַנעס.
פון די פעלדער זיי וועלן אַרויסרייסן
אַלע צוימען, אַלע סלופּעס.

דאָס דאָרף וועט מערגישט זיין חרוב.
יעדער פּויער זיין וועט אַ גוטער קרוב.
און ביים ברעג־וואַלד,
ציגל־רויט זיין כאַטע.
טעג ליכטיקע און זאַטע.
קינדערלעך שיינע, איינע אין איינע.
פול מיט תבואה דער שייער.
און האַנקע איז ליב און טייער.

ווידער

ווידער באַ די אַלטע, היימישע ערטער:
דאָ אין וואַלד, האָט אין בענקשאַפט געבליט דיין געשטאַלט.
דערנענטערט האָבן שטילע, צאַרטע ווערטער.

איצטער, איז קיינער נישטאָ.
בלויז די פייגל שפּרינגען אויפן צווייגן־טויער.
קאַלט, ווייס מיניען די לאָמפּן באַ דער ווייסער מויער.
מיר דאַכט, אויף יענעם בערגל שטויבן דיינע טריט.
פון דיינע אויגן שטראַלט דאָס ליכט.

און לויטער איז מיין געמיט:
די פרייד פון יענע טעג איז אָפּגעהיט.
אומעטום, דער וואַרעמער גלעט פון דיין האַנט.
עס גאָלדיקט אויפן וועגל דאָס זאַמד און דערמאַנט.
און ווי דעמלט, לבנהס זילבערנער קאָפּ
שפּיגלט אין טאָל אַראָפּ, שפּיגלט צו מיר אַראָפּ.

גוט און לויטער

דער וואַלד שומט און איז פֿול געזאַנג.
עס שטויבט מיין שטיל, פֿאַרטראַכטער גאַנג.
אינעם גראָז שאָרכט אַ שלאַנג.
און ליב, היימיש איז מיר איצט, דאָס פֿרעמדע לאַנד,
כאָטש מיין טאַטנס טריט האָבן נישט געבריט
אין אָט דעם הייסן זאַמד.
איך האָב נישט געהוידעט זיך אויף היגן ברעט.
מיין מאַמע האָט נישט געוואַשן איר געלאַטעט גרעט,
נישט געשפּיגלט איר געזיכט
אינעם טייכל בײַ דער שטיינערנער וואַנט.
און מיינע שוועסטערלעך האָבן נישט געקלעטערט
אויף אָט די הויכע ביימער.
נישט צעשטאָכן זייערע פֿיס אויף אָט די שטיינער.
דאָך — אייגן, ליב איז מיר איצט דאָ בוים, גראָז און שטיין,
און גוט און לויטער איינזאַם דאָ צוגיין.

האַרבסט

האַרבסט אויף אַלע ביימער,
בלעטער רויט די ווענן.
אָפּגעפּליקטע צווייגן,
ווייקן זיך אין רעגן.

און שוואַרצער שאָטן איז אַנגעפּלויגן:
וואַסער־ווינטן לעשן די זומער־פאַרבן.
די פעלדער לער, שטיינער גרויען — נאַקעטע שאַרבן.
א בוים ווײנט, זיין האַרץ פּיקט א פויגל.
קעלט און קרענק דעם הימלאָזן טויט זויגן,
אָט — ער וועט א פאַל טאָן און שטאַרבן.

ווינטער

דער פראָסט גלעזערט דעם שליאַך.
הויך, געדיכט דער שניי אויפן דאַך.
זילבערן, געפלעקט זיינען שויבן,
די נאַכט אין שטיבלעך נעמט זיך קלייבן.

עס ברעכן זיך די אייז־צווייגן.
אַ בייטש כוואַשטשעט,
אַהיים יאָגט גיך אַ שליטן.
קינדער געזונט און מונטער,
לאָזן זיך פון באַרג אַרונטער.
פלינק זיינען הענט, די פּנימער רויט,
א באהעלטעניש יעדער פלויט.
און אָפּגעווייסטע ביימלעך — לויכטנדיקע ליכטער,
וואַרפן זילבערנע שאָטנס אויף קינדערישע געזיכטער.
בלויט דורך פענצטער אַ שיין.
שטערן ווייט און קליין,
שווימען אין דער שנייאיקער נאַכט אַריין.

אויף קאַנאַדער ערד

די נאַכט פראָסטיק, שטייף.
רויך, שפּריצנדיקער פונקען־רייף.
די שיף אַנקערט, לעצטער קוימען פייף.

טוען אַלע צום דרויסן זיך אַ יאָג.
דער פראָסט כוואַשטשעט — אַ הייסע רוט.
דער שניי וואַרפט זילבערנע קנעפּ
אויף היים־צעשויבערטע קעפּ.
עס שטאַלצן הויכע, הילצערנע טרעפּ.
וויים פינטלען עלעקטרישע לאָמפּן־טעפּ.

ניי־אַרט, געגאַרט גליק, ליכטיק וואָרט
גייט אויף אין אויסגעצערטן גוף.
גרינג און פלינק,
טאַנצט אַ פויער־יונג.
אונטערן העמד דאָס לייב ברענט.
פון טיפער טיף דאָס געשריי:
לאַנד! גוט און פריי!

שפּיגלט די נאַכט אויף גלאָזיקן אייז.
פויער־יונג טאַנצט אין שנייאיקן־מאָד.
פאַרגעסן דעם ווייטיק, דעם וואָגלדיקן־בראָד.
דאָס פּנים — טריפנדיקער שוויים.
ליכטיקער ברויז, טאַנצנדיקער קרייז.

רייסט די פרייד פון דער טיף זיך אַרויס:
איינער זעט זיין פעלד, דער צווייטער זיין רואיק הויז.
אָנגעגרייט איז פאַר יעדן גוטס, גוטס בלויז.

שיינען פּנימער פון נאָענטע ביים טויער:
גיכער חיים בער, פלינקער סטעפאַן פויער!
וואָס מאַכט פעשע, וואָס מאַכטו חיים בער?
אויטאָמאָבילן פירן,
נישטאָ קיין צייט צו קלערן.
עס וועלן יום־טוב־טעג זיך מערן, מערן — — —

און משה גראָבט דעם נעכטן פון זיך:
דער שניי — אַ ווייסע ציך.
אויסגעקראָכן פעלצל.
אין אויוון דערברענט דאָס לעצטע העלצל.
ווען איז דאָס געווען?
לאַנג, נעכטן, ווי גיך?
ווינטער נעכט.
אויף ווייסע שויבן,
שאָטנס שוועבן:
יאָ, יעקב איז גערעכט,
ער פאַשעט לבנס פיך.
פאַרנאַכט, זיי קלייבן זיך און קלייבן,
יעקב דאַרף ביים ברונעם מיט רחלען בלייבן —

אַזוי האָט משה געטראַכט,
אַזוי האָט זיך אים געדאַכט,
אין די ווינטער נעכט,
ווען אין פעסל האָבן געפּליעסקעט די שבת־העכט.
און דער טאַטע האָט אים געפירט אין זוניקן לאַנד,
וואו דער ליבער יעקב פּאַשעט שאָף און רינד
אונטער זוניקן בראַנד.

איצט, לויפט אקעגן דער ברודער,
ער הערט דעם ניגון, דער ווינטער שיינט ווידער.
געגאַרט־אָרט, ליכטיק וואָרט,
וואָס פינקלט דאָרט אין דער שטאָט?
וואָס פינקלט דאָרט אויף מויער און דראָט?

בענקשאַפט, דערוואַרטונג, הייסער זאָט,
אין פרעמדן לאַנד פעסט און זיכער ערשטער טראָט.

ווייסער טרויער

(אין סאנאטאריע)

שטילגעווין

שטילגעווין.
עס וויינט מיין קראַנק געביין.
דער טאָג בלאַנדזשעט שנייאיק־בלינד.
ווייס און בלינד יאָגט שנייאיקער ווינט.

בערג ווענט
אין אייז פארקלעמט.
אינמיטן שניידט דער שליטן.
דער פורמאַן שווער און פרעמד,
שוויינט אין בערן־פעלץ.
דער הונט זינקט אין שנייאיקער־בייט.
דער ווינט אין ווייסער־וויסט רייט.

שרעקט הינטישער יאָמער.
דער טייך שרייט אונטער אייזיקן־קלאַמער.
אין ווייסער מויער העלן ליכטער.
בא שויבן שאָטעגען טרויעריקע געזיכטער.

בערג־ווענט.
מיין קאָפּ — הייסער, שווערער שטיין.
שטיל דאָס געווין.
עס וויינט מיין קראַנק געביין.
צערוקן זיך די ווענט.
עס טראָגן מיך טרייסטנדיקע הענט.

פלאַטערט דער אָוונט.
אין ווייסן מויער,
ברענט דער טרויער.
אין גלי, אין חלום, איך הער:
דעם טאַטן תהילים־זאָגן — — — —

משה

משה א בחורל טרויעריק, דין,
פארלאזט דאס בית־מדרש — די נעסטן־שפּין.
דער הערלעכער טרוים אויף דער אלטער באנק,
מורמלט אין דין, פארבענקטן קלאנג.
די באלמעלאכישע יונגען
אין הונגעריקן, פארשייטן בלאטע־געסל,
ביילן ווייטיקדיק די פויסט — א הייס פרעסל.

משהן האט געטריבן אהער,
דער צעבלוטיקטער טרוים
אין דראטן־צוים.
ער איז געקומען מיט צארן און טרויער,
מיט יונגן באגער.

און איידער נאך דער גרויסער טאג איז פארגאנגען,
האבן זיינע גארנדיקע הענט געקלאמערט
פארצאמענדיקע־שטאנגען:

פויערן־געצעלט,
דאס וועלדל בלעטערט,
עס בליט דאס קארטאפל־פעלד,
באגין גאלדיקט אין שטילער וועלט.

משהס ליד איז נישט טרויעריק, נישט שווארץ,
א ליכטיקע בענקשאפט לויטערט דאס הארץ.
דער הערלעכער טרוים אויף בית־מדרש באנק,
מורמלט אין דין, פארבענקטן קלאנג.

ערשטע נאַכט

שטיל.
אַלע שלאָפן.
אַלע וועגן ווייס און אָפן.

גלעט משה דאָס ווייסע ליילעך.
זיין האַנט ביינערדיק, געל.
אויף בעט, אין שטילער צעל,
נאָגט דער פּיין,
זיין קינדעריש־געביין.
מורמלט ער אינדערשטיל:
מאַמע פאַרלאָזן און אַליין,
ווי דאָס זאַמד אויפן שליאַך.
ווי דאָס מאָכיקע גראָז אויף אַ שטרויענעם דאַך.
וואָר זיינען געוואָרן דיינע רייד —

דערהערט עמעצער איבער דער וואַנט,
שאָטנט ער צו אים צו, מיט אַ קאָלדרע אין האַנט.
און ווייך, איינעמענדיק רואיקט זיין קול:
נאַדיר אַ קאָלדרע, דעק זיך איין.
אינמיטן נאַכט וועט קאַלט זיין.
איצט, מאַך די אויגן צו,
קומען וועט צו דיר די היילנדיקע רו —

ווערט משהן גרינג פון די רייד
ווי די מאַמע זאָל רעדן און איינדעקן מיט איר ווינטער־קלייד.
מאַכט ער די אויגן צו,
און עס פאַרוויגט אין דרימלענדיקער־רו:
דער שאָרך פון זאַנג.
פון וואסערן דער פאַל.
פון ווייטן א פארבלאָנדזשעטער שאַל.
און ער איז נישט איינער,
ער ווערט ליכטיקער, ריינער —

שמייכלט ער אין חלום קינדעריש, ריין:
צו דער מאַמען וואָס איז אים אַקעגנגעלאָפן.
צום ברודערל וואָס ער האָט אינדערהיים געטראָפן.
אינדערהיים — א קינד און קליין.
די מאַמע גלעט און טוליעט אים איין —

אין לבנה־שיין,
נישט אליין.
פריד און טרייסט,
קומט פון וואלדיקער־ווייט.
שטיל.
אלע שלאָפן.
אלע וועגן וויים און אָפן.

אין לאַנד פון טויט

א.

א קראָ קראַקעט אויף א שטיין.
עמעצער גייט אין וואַלד אליין.
און עס פאַלט דער שניי אויפן דאַך.
און עס פאַלט דער שניי אויפן שליאַך.
און ליכטיק טוט לבנה שטומען —

ב.

איז נישטאָ ווער עס זאָל דעם לעצטן קרעכץ פאַרנעמען:
בלוט האָט א גאָס געטאָן אויף קאָלדרעס און פעלצן.
צו דער בלינדער ווייסקייט האָט עמעצער די האַנט אויסגעשטרעקט,
און גערופן דער מאַמעס נאָמען.
און שטיל — עס קילט זיך שוין דאָס בינטל ביינער,
די לעצטע פאַרע פרירט אויף זיינע ליפּן.
און קיינער האָט דעם לעצטן קרעכץ נישט פאַרנומען.

ג.

דער פראָסט קאָוועט די וועגן.
אין דער ווייסער שטילקייט,
גליטשט זיך אומעטיק דער שוואַרצער שליטן.
און עס האַלט לבנה אין איין שפּינען,
די מעשה פון ליכטיקן באַגינען,
אין לאַנד פון טויט, וואָס קיינער האָט נאָכנישט געפונען.

ד.

שאָטנס אויף אלעמען די פאַרשעמטקייט.
עס גאָלדיקט שוין דער מאָרגנשטערן,
באַלד וועט טאָג ווערן:
און פול מיט שרעק און ציטער,
קומען וועט צום ווייסן בעט א צווייטער.
ביז א שעה וועט באַרוען,
און אוועק וועט ער, אין לאַנד פון טויט
וואָס קיינער האָט נאָכנישט געפונען . . .

ה.

א קראָ קראַקעט אויף א שטיין.
עמעצער גייט אין וואַלד אליין.

ערשטער שניי

אויף די שפּיץ פינגער גיי.
טרייסטנדיקע־רו נישט וועק.
זעסט, ווי קליינע קינדער שלאָפן זיי.
אויפן פּנים שטילט דער וויי.
און עס בלישטשעט אויפן וועג ערשטער שניי.

איז איינער אויפגעשטאַנען פרי.
דערפילן דעם שנייאיקן ברי.
לייענט ער נאָכאַמאָל דעם נעכטיקן בריוו:
טיף דעם ברודערס בענקשאַפט אויף אָרעמער גאַס
אין דלותדיקער ענגשאַפט.
זיין טאָג אין פּראַצע שווינדט אויף מאַשין־פּאַס.
אין שאַפּ, די זון אויף שויב — אַ פייער־פּאַס.
ליב דער ברודער און איבערגעגעבן,
זיין האַרץ אין גלויבן טרוימט:
דער גוטער טאָג פאַרזוימט.
אין פרייד פון ווייט, ליכטיקע טעג צו אונז שוועבן.
זיין ליבשאַפט היט דעם איינזאַמען טראָט.
גוט איז איצט אינדערשטיל צו הערן זיין לויטער וואָרט.

קומט אַן דער קליינער מייק מיט צוויי קאַנען.
און עס רעדט די בענקשאַפט וואַרעם, ווייטיקדיק און פראָסט:
אינדערהיים, אין מיין דערפל,
טיפערט זיך אין שניי דאָס שטיבל.
ווי דאָ — ווייס, גליווערדיק דער הימל.
און די קינדער לויפן אַלעמאָל פרואַוון,
צו הויבן שוין אַן די טייבעלעך פרירן.

צעקלינגט זיך דאָס גלעקל.
בלייבט ער שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט.
די אויגן פאַרלאָפן, עס צעבענקט זיך זיין געבעט:
יעזוס האַרצעדיקער,
נישט האַרט דאָס היימישע געלעגער—דער שטרוי זאַק אויפן ברעט.
יעזוס האַרצעדיקער, קער מיך אום אהיים.

שפּעטער צו — אַלע זיינען אויף,
שטייען באַ די פענצטער, קוקן צו די בערג ארויף.
ווייסע פרייד אויף די שפּיצן אויסגעשפּרייט.
קוועלט דער זיידע און הויבט אין ביידע הענט:
א מחיה, ערשטער שניי!

און איינער גייט אין וואַלד, צווישן שטיינער,
און פאַרשרייבט אין זיין טאָג־ביכל אַזוי:
שניי און ליכט אומעטום.
געבענטשט איז היינט דער טאָג,
דער וועג, און דער שטיינערדיקער ארום.

נאָך אַ זאַווערוכע

עס איז שוין נאָך דער זאַווערוכע.
קאַלט און אומעטיק פאַלן די שטראַלן
אויף די פאַרשנייטע בערג און טאָלן.
ליגן שווינדזיכטיקע אויף ווייכע רו־שטולן,
קוקן אויף דער ווייסער־וויסטקייט און שווייגן.

פלאַצט עמעצער אַרויס מיט אַ געוויין,
און וואַרפט ביטערע רייד,
וועגן לעבן און טויט און וועגן זיך אַליין.
דערפילן אַלע דעם פיין,
און עס דאַכט זיך:
פון דער ווייסער־שטילקייט
קומט אָן דער טויט.

פּ אַ ר נ אַ כ ט

טומלדיק אין עס־זאַל.
לוסטיק, פאַרשייט,
רעדט מען וועגן שטאָט און ווייב,
און מען שעלט די קרענק און די אייגענע לייד.

איז משהן אַלץ אַרום דערווידער, פרעמד.
עס וויינען בריוו פון דער היים, שטיל, פאַרבענקט.
פאַרשטעלט ער זיי מיט זיינע ביינערדיקע הענט,
דאָ — איז היימיש אים בלויז דאָס לעצטע, געלאַטעטע העמד.

זעט ער:
זון אין פאַרגיי.
אויף די בערג אומעטיקן קופּקעלעך שניי.
לעצטע שטראַלן בלאָנדזשען
אויף פראָסט־פאַרהייטלטע טייכן און פלויטן.
און נאָגנדיקער טיפערט זיך אין אים דער וויי.

און באַנאַכט, עס פינצטערט דער אָרום.
עס קלאַפּט דאָס וואַסער
אין דער שטיינערדיקער־שטום.
צעבענקט זיך אַ וואָרט:
היים! —

פאַרלאָזן

הונט מײנער, פֿרײנט מײן אײנציקער,
שפּרינג נישט אַזוי פֿרײלעך,
לעק נישט מײנע הענט אַזוי ליבלעך.
זײ שטיל,
נישט ביל צו דער אָפּנקײט פֿון װאַלד —
זעסט, אָט דאָרט באַם טײכל,
װינטיקט זיך דער שנײ
װי אַ װײסער רויך.
און קײנער װאַרט נישט אויף אונז באַם בריקל.

זי װעט הײנט נישט קומען.
װעסט איר שוין קײנמאָל נישט אַקעגנלויפֿן
מיט מײן װײסן טיכל.
איך װעל זיך שוין מער נישט צװישן בײמער באַהאַלטן,
אַז איר בײדע זאָלט מיך זוכן —

אומעטיק אַצינד.
װײס און בלינד גלאַנצט די זון אויפֿן שנײ.
אָט איז דער שטײן פֿאַר צװײ,
לאָמיר זיצן —
איך װעל רופֿן איר נאָמען,
בערג אַרום װעלן אין שנײיאיקן עלנט שטומען.
נײן, זי װעט הײנט נישט קומען —

אָוונטיק

ווען איבער אַלעמען אויף רו־שטולן און בעטן,
נעמט זיך אָוונטיק, אומעטיקע שטילקייט אויסבעטן.
ווערט משהן די בענקשאַפט שווער.
און אויף דער מאַנדעלינע — דער טרויער,
צעציטערט דין און נאַגנדיק דאָס ליד:

אין אַ ווייטער, ווייטער מדינה,
געווען איז אַן איינזאַמער זינגער.
פיינט האָט ער געהאַט די אײדעלע ריטער,
ליב געהאַט דאָס אייגענע פאָלק און די קליינע קינדער.
פאַר זיי פלעגט ער זיין פיין אויסזינגען,
טרייסט און אָנזאָג מיט זיין געזאַנג ברענגען.
נאָר איינמאָל — ווען לבֿנה האָט אויפן טייך
אויסגעשנורט אַ ווייסן שליאַך.
איז ביים ברעג דער זינגער געבליבן ליגן,
און איבער אים האָט ציטערדיק זיך געבראָכן זיין בעטנדיקער ניגון.

ווערט משהן דאָס ליד צויבערדיק, וואָר.
פליט ער אַוועק אויף אַ גאָלדענער פור.
און לייגט צום זינגערס פיס,
זיינע איבערגעבראָכענע יאָר.

רירט אַ ליכטיקער טרויער אַלעמענס הערצער.
זיצן אַלע אין לויטערן שווייגן אַ דורכגענומען.
טרערן פינקלען אויף זייערע הענט
ווי טראָפּנס רעגן אויף גאָלדענעם זאַמד.

רוקט די נאָענטקייט אַלעמען צונויף.
דער טוי גייט אויף,
און נעמט אין אַ נעפּלדיקן ראָד, אין אַ ווייסן רינג אַריין,
די דרימלענדיקע שטוב, דעם פעלזנשטיין.
און איבער אַלץ־אַרום,
בלויט אויף די נאַכט שטיינערדיק, שטום.

ציטערט אין דער שטילקייט זיין שלאָף ליד:
אוועק איז די זון צום פאַרבאָרגענעם ברונעם,
ברענגען טרייסט און היילונג
דער מידער נשמה,
דער מידער נשמה.
נייט זשע שלאָפן גייט,
אויפן דאַך שטייט דער חלום שוין וואַך,
שטייט דער חלום שוין וואַך.

און ווידער טיפערט זיך די שטיל:
מען הערט דעם רויש פון דער וואַסער־מיל.
אַ ווינט שויבערט דאָס גראָז.
אויפן וועג שאָטנט דורך אַ האָז.

ווייסער טרויער

אויסגעשטערנט דער הימל־דאַך.
ווייסער טרויער אויפן שליאַך.
איבער שטיבלעך אַכט,
לבנה וואַכט.

טויאיק, גרין העלט דאָס פעלד.
שטיל און בלוי דאָס טײַכל קוועלט.

זילבערנער שאָטן — אַ ווייס ציגעלע,
טאַנצט אין גראָזן־וויגעלע.

אויף צווייגן־בוים
דער ווײַפערוויל וועקט ליד און טרוים.

פאַרבענקט, שטום,
טרערט די רויטע בלום.

פאַרסודעט דרימלען שטיינער — מידע קעמלען.
בערג־קעפּ — שטרענגע, שטאָלצע היטער
רייטן צו די בלויע ווייטן.

פליסטערן בלעטער פון פאַרהוילענע וואונדער.
נאָענט, אָפן אַלץ אַצינדער.
און מײַן האַרץ בעט פאַרגעבונג.
אין ליכטיקן באַזונדער.

ט ו י ט

שוואַרץ, געדיכט, בערגלט זיך דאָס וואַסער אין קוואַל.
אַ בליץ — פֿייערדיקע דראָטן אויף ביימער און פּלויטן.
אַ בוים טוט אַ פֿאַל —

טראָגט די נאַכט גרויל
ווי אַ הונט אַ ביין אין מויל.
פּנימער ווי האַרבסט־בלעטער גליען רויט.
אויף בעטן זינקט די פֿינצטערניש — דער טויט.
די ליפּן זיסט דאָס בלוט.
לעצטער חלום בליט —

און וויסט,
ווילדער ברומען פֿון די הייזלן.
דער ווינט יאָמערט אויף די וועגן.
עס טויבט דער רעגן,
דער רעגן —

אין לעצטן צימער

אין לעצטן צימער,
האָט מען דאָס פענצטער פארהאָנגען,
אַ קראנקער איז דאָרט אויסגעגאנגען.

באַלד וועט מען אויף ווייסע ליילעכער,
דעם טויטן ארויסטראָגן.

קיינער וועט נישט באַוויינען,
קיינער וועט נישט באַקלאָגן.

נאָר אין היימישן לאַנד,
ערגעץ אין אן אומעטיק, הונגעריק שטעטל,
וועלן עלטערן, שוועסטער און ברידער,
ווארטן אויף בריוו און געלט,
פון זייער פארוואָגלטן ברודער.

און דאָ ליגט יעדער אויף זיין רו־שטול
און שרעקט זיך:
ווער וועט זיין דער צווייטער? —
און פארשעמט און באַהאַלטענערהייט,
באַוויינט יעדערער זיך אליין — — — —

אַ בריוו

דער שוואַרצער וואָגן איז שוין נאָכן בריקל.
דער הונט האָט אויפֿגעהערט נאָכיאָגן.
שטיל —

און אָפּגעמעקט איז אַ נאָמען,
פֿון אַלעמענס הערצער אוועקגעשוואומען:
איבערגעבעט דאָס בעט,
די פֿאַרבלוטיקטע לײַלעכער אַרויסגעטראָגן,
בלויז דעם זיידנס תהילימדיק-געבעט,
אומעטיק טוט נאָגן.

און איך — באַזונדער, אַליין,
פֿאַרטונקלט אין פֿאַרנאַכטיקן שײַן,
ריים אויף דעם פּײַן:
זײַן פּנים פּייכט פֿון געוויין,
איך הער נאָכאַמאָל, זײַן געבראָכן קול
פֿון דער ווייט, פֿון דער טיף:
אַ היים, צו איר, שרײַב אַ בריוו.

און ברודער מיינער, ברודער.
איך וועל שרייבן דיין געליבטער,
אז געלעבט האָסטו ווי אונטער גראַטן.
אז געאַרבעט האָסטו אין אַ געזאַלין־סטיישן,
געסמט האָט דעם גוף דער שטיקנדיקער גערוך.
ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן,
פריי ביסטו געוואָרן פון אַלע זאָרגן.
פון לונגען בלוט האָט גענומען גיסן
ווי פון געפלאַצטע לאָגלען.
און דער באָם האָט באַדויערט,
אַזוי יונג און צו ליגן אין דער ערד
שוין באַשערט...

נאַכט שוין. פינצטער אין די גערטנער.
עס ווינטלען די בלעטער.
אין מיר גליען זיינע ווערטער.
און אָפּגעמעקט איז אַ נאָמען,
פון אַלעמענס הערצער אוועקגעשוואומען:
איבערגעבעט דאָס בעט,
די פאַרבלוטיקטע ליילעכער אַרויסגעטראָגן,
דעם זיידנס תהילימדיק־געבעט,
אומעטיק טומ נאָגן.

שלמהקע דער בעקער

א.

שלמהקע דער בעקער איז הויך און דאַר.
אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן אַזאַ שטילער צער.
דאָס פּנים גרין און קליין ווי בײַ אַ קינד,
די הענט שלאַבריק, דין, בלאַסן אויף דער זון,
אָפט רינט פון אים בלוט ווי פון אַ געשאָכטענער רינד.

אין די נעכט פינצטערן אין אים דורכגעפײַנטע טעג.
עס ציטערן אַלע זײַנע גלידער,
ווידער ליגט ער אַ פאַרטויבטער פון קלעפּ אינמיטן וועג.
און איבער בעטן קלאָגן זײַנע צעהיצטע ווערטער,
ביז — ליכטיקע געשטאַלטן קומען אָן פון ווײַטע, היימישע ערטער,
און עס שטילט דער גוטער חלום אים איין —

עס טרעפט אַ פאַרחלשטער בלײַבט ער ליגן אין אַ טײַך בלוט,
וואַרטשעט בײַז דער יידיש־דײַטשישער דאָקטאָר:
אפילו אין שלאָף, רופט צום בונט,
אָט דער פאַרפלוכטער רויטער הונט...

ב.

און שטענדיק, זײַנע אויגן אומעטיק, שוואַרץ,
אַ בענקשאַפט לויטערט דאָס האַרץ.
שטענדיק אַליין, אין דער אַרבעטער צײַטונג פאַרלייענט.
איז ערגעץ־וואו אַ זיג, גלעט ער מיט ליבשאַפט דעם בלאַט,
און שטיל, צערטלעך, רוימט ער חבר משהן איין:
יאָ, חבר לעבן, ביסט אַ טייערער יאַט,
אַז איך וועל נישט האָבן היינט קיין היץ,
וועלן מיר גיין ביז צו יענעם גרינעם שפּיץ.
און איינמאָל אין אַזאַ פאַרנאַכט:
דער טאָל נעפּלדיק און בלוי,
דער וועג שטיל און גרוי.

עס שלענגלט זיך אַ רעגנבויגן,
דער הימל נידריק — ווי אַ דאַך פֿאַרבויגן.
זיצן ביידע באַם באַמאַכטן שטיין.
עס שווינדלט אַ צענומען געוויין,
שלמהקע דערציילט זיין פּיין:
אינמיטן נאַכט האָט מען אונדזער שטוב אַרומגערינגלט,
איך בין אַרויס דורכן פֿענצטער, אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט,
פּלוצלינג, אַ נאַגייקע האָט אַראָפּגעריסן פֿון מיין פּנים אַ שטיק הויט.
אין טורמע האָבן פּאָליציאַנטן געפּאָרשט און געשלאָגן,
געגאָסן וואַסער אין נאָז, מויל און אויערן.
דער בויך איז אויפֿגעשוואָלן ווי אַ פּאַכיר,
פּיס טאַנצן אויף מיר און יאָגן.
געריסן האָט מען די נעגל, געקוועטשט די פֿינגער אין אַ טיר,
געשטאָכן מיט גליענדיקע אייזנס, געשמיסן מיט ריטער.
דערנאָך האָט מען מיך אַ שליידער געטאָן,
מיט די הענט אויף אַ הינטן פֿאַרבונדן.
דאָס בלוט האָט געטריפֿט פֿון די רויע וואונדן.
די ווענט האָבן געשריגן פֿון גרויל און פּיין,
די מערדער האָבן שפּאַטיש געלאַכט.
געגאָסן וואַסער אויפֿן דיל,
און איך אַ דאָרשטיקער האָב געלעקט דעם נאַסן שטיין.

און וואָכן האָבן יאָרן פון מיר געבראָכן:
אין אַלע קאַמערן חברים יאָמערן.
די האַרציקע, העלדישע יאַטן,
האָבן קיינעם נישט פאַראַטן.
און וואָכן האָבן יאָרן פון מיר געבראָכן,
ביז א קאַליקע,
מיט אָפּגעהאַקטע לונגען,
מיט צעיאַטרעטע וואונדן ווי רינגען,
אָפּגעשיקט האָט מען מיך אהיים.

ג.

א ווײַלע איז שלמהקע שטיל געבליבן,
מיט די פינגער דאַס מאָך געריבן.
עס וואַרעמט די בענקשאַפט צו היימישער ווייט,
גלויביק פלאַמען אויף די אייגענע רייד:
שטאַרק בין איך געווען — א מויער,
באַם פּאָגראָם האָב איך צעשלאָגן א גבר — א פּויער.
מיט די ציין געקענט אויפהויבן א שווערן טיש מיט עטלעכע יונגען,
און אראָפּלאָזן, אז די שויבן פלעגן קלינגען.
חברל זיי גרייט!
דער צאָרן וועט אַלץ אויסרייסן.
נקמה פאַר אונזער בלוט דעם הייסן!

משה האָט האַרציק אים ארומגענומען.
און וואונדערלעך, העל האָבן ביידע געזען:
פונעם זאַמד־וועג, דעם קלאָרן,
די ליכטיקע געשטאַלטן אָנקומען —

באַם וואַלד איז א וואָגן דורכגעפאָרן.
אין טײַכל האָט א פישל דורכגעזילבערט.
און בלישטשענדיק, קאַלט,
האָט די נאַכט זיך אויסגעשטערנט.

זינק איך

זינק איך אין ווייטן חלום אריין.
צינד דאָס בלוט אין אייגענעם פּיין.
און מיין פּנים פּייכט פון געוויין.

זינק איך אין ווייטן חלום אריין.
מיניעט אַ לויכטנדיקע שיין.
עמעצער קומט צוגיין.
עמעצער מיט טרייסט רואיקט איין.

אין ליכטיקן באַזונדער

דאָ אין דער שטיינערדיקער־שטום,
אין ליכטיקן באַזונדער,
האָב איך אין בענקשאַפט גערופן
מיין געהרגעטן ברודער.
האָבן נעכט אויף די בערג זיך אראָפּגעלאָזט,
טרויעריק, פינצטער זיך געטוליעט צו מיין בעט.
האָט פון וואלד, פארשעמט,
געשאָטנט צו מיר זיין געשטאַלט:
אויפן שטערן א מעסערדיקער שניט.
בלוט טריפט אויף פנים און הענט.
און א געוויין פון אונטער בוים און שטיין—

נאָר איינמאָל — אין פרימאָרגן:
די זון אין פריד,
מיט גאָלדענע טריט,
אויף טויאיקן גרין,
און רויט — אויף בוים און שטיין
א טיפע פרייד.
האָב איך אין ליכטיקן באַזונדער,
געהערט א הארציק וואָרט,
און ליב איז מיר געוואָרן דאָס אָרט.

פאַרנאַכט,
א שאָטן אין א ווייסן כאַלאַט
טיפערט טריט אין זאמד.
פארבענקט, עפנט זיך דאָס טאָליקע לאַנד.
אַ ציטערדיקער רוף אונטער פעלזיקער וואַנט.
און איך — אין ליכטיקן באַזונדער
האָב געבענטשט דיין האַנט —

פרייד

באַגין — פלאַקערדיקער שיין.
דער טוי פאַרעט אויפן שטיין.
עס שמעקט די צעגראָבענע ערד.
אויפן לאָנקע הירזשעט דאָס פערד.
און ביים וואַלדיקן ברעג איך שלייך,
און הער דאָס רוישיקע שטראָמען פון טייך.

שמייכלט קינדעריש דאָס בלייכע געזיכט.
זי איז געקומען אומגעריכט.
אויף ביימער די שטראַלן — פייער־שטריק,
באַגינען פלאַקערט אויף דער הילצערנער בריק.

די פרייד לויכט אויף פאַרשלאָפענער שויב.
געבענטשטע שעה, טרייסטנדיק גליק.
איך גלויב, די פרייד איז געקומען אומגעריכט.
קינדעריש שמייכלט דאָס בלייכע געזיכט.

אַ פורל יאָגט דורך און פאַרשווינדט.
אויפן באַרג דער רויטער הימל שווימט.

אין שטורעם

אַ רגע — עס ווערט שטיל.
דער הונט האָט מורא צו טאָן אַ ביל.
די כמאַרע בייסט אין באַרג זיך איין.
דער הימל בליציקער ביין,
שאַרפט אויף פעלזן־שטיין.
צווייגן קלאַמערן זיך אין שרעק.
שוואַרץ־פינצטערניש דרייט דעם וועג.

ברויזט דער טייך,
שלאָגט ווילד אויף פעלזן־וואַנט.
און ווי דאָס גרילצנדיקע קוויטשען פון זעגן,
ליאַרעמט אין וואַלד ווינטיקער רעגן.

און דאָס שטיבל אין טאָל — אַ הוידענדיק שיפל.
אָט — אויף זיין אָרעם אַוועקטראָגן וועט עס דער שטורעם.

און איך — אין באַזונדער,
גאָר פון וואונדער:
אַ, מאַוימדיקער ברויז,
בלענדנדיקע קראַפט!
לויב צו דיר, לויב צו דיין גרויס!

וואַלד

א.

וואַלד, אין די ליכטיקע פרימאָרגנס,
טו אָפּ פון מיר די לייד.
ליכטיקן זאָל אין מיר די טרייסט,
ווי דער טוי אויף אַ צעבליטע בייט.

וואַלד, אין די נאָגנדיקע פאַרנאַכטן,
באַהיט מיין צעבראָכן געמיט,
פון דעם גרויסן טרויער,
וואָס לויערט איבער מיר.

וואַלד, דיינעביימער און צווייגן,
בלעטערט אַ לויטער שווייגן.
טריף אַריין אין מיר,
די פרייד פון דיין שווייגן.

ב.

וואַלד האָסט מיך ארומגענומען
מיט דיין שאָטנדיקער־שטיל.
ברענגסט מיר טרייסט,
דורך מיין אייגענעם געבעט.

וואַלד, טאָג פאַרגייט באַלד.
אויפן באַרג דרימלט אַ שטוב:
אַלע זיינען דאָרטן מיד,
נאַכט און שלאָף איז ליב,
וועקסט אין מיר אַ וואונדערלעך ליד.

וואַלד, ביסט פאַר מיר אָפן,
אייביק וועט מיין בענקעניש דיך רופן —

האַלבער טאָג

האַלבער טאָג,
היים זאמדיקט זיך דער וועג.
שאָטנדיק, קיל בלעטערן זיך ביימער
איבער באַפּלייטלטע שטיבלעך.
מאַלינעס רויטלען זיך צווישן דערנער און שטיינער.
און אויף רו־שטולן ליגן אַלע זיס, פאַרשלעפערט.

שלעפן אוקראַינישע כלאָפּעס,
ברעטער און סלופּעס.
פּוצן די קופּערנע זכרון־טאָוולען,
וואַשן די שויבן.
און היימישע לידער בענקען,
איבער פעלדער און שטויבן.

וואַרפט מייק פון שטאַל דאָס מיסט.
אַלעמען היימיש ער באַגריסט,
און שמייכלט מיר:
יאָ, אָט דער וועג פירט אַהין.

האַלבער טאָג,
היים זאמדיקט זיך דער וועג.

אונטער העלן שאָטן

א.

איך זע אייך אַלע אונטער העלן שאָטן:
זון־אויפשיין אויף בערג־קעפּ.
דאָס וואַסער שומט אויף פעלזן־טרעפּ.
און מיר קינדעריש, פאַרגלויבט,
רירן די דרימלענדיקע־רו אין בליענדיקן גאָרטן.

ב.

און אונזערע פּנימער אומעטיק, פאַרקלערט.
נאָענטע רייד לויכטן וועגן היימישער ערד...
משהם דין־פאַרבראוינטע הענט טרייסטן מיט וואַרימען גלעט.
מאָרגנדיקע וועלט מאָלט זיך יונג, צעהעלט —

ג.

ברידער מיינע, קינדעריש פאַרליבטע ברידער,
מיד, שטיל, לויטער,
איך זע אייך ווידער:
בלוט פלעקט אין ווייסע טיכער,
ווייסער פלאָם אין גלידער.
און פון גרינער הויך יאָגן טעג גיך און גיכער.

ד.

זון־אויפשיין —
איך בין געקומען איצט אין בליענדיקן גאָרטן.
דער זעלבער שטיין — איך וועל זיך זעצן וואַרטן.
פון אונטער יענעם באַרג, וועט איר קומען באַלד צוגיין.
איך וועל אייך רופן, איר וועט דערהערן,
אַט־זעט, מיין פּנים איז נאָס פון טרערן —

ה.

ברידער מיינע, קינדעריש פאַרליבטע ברידער,
מיד, שטיל, לויטער,
איך זע אייך ווידער.

איך בין שוין געזונט

עס האָט דער דאָקטאָר מיר נעכטן געזאָגט,
אז איך בין שוין געזונט.

טראָג איך איצט, אין בלויען פארטאָג,
מיין פעקל היימישע, געלאטעטע, העמדער
אין האנט —

עס פרילינגט שוין דער געגנט.
עס איז טויאיק און קאַלט,
פון ווייטן אומעטיקט דער וואלד.
פיל איך: די פרייד פון לעבן
ווערט אין מיר געבוירן.
און ווען איך וואָלט מעגן,
וואָלט איך פון גרויס פרייד,
זיך צעטאַנצט דאָ אויף די וועגן.

עס איז וואָר:
איך בין שוין געזונט.
עס פארגייט קיינמאָל נישט די פרייד.

פֿאַרשעמט

פֿאַרשעמט

פרימאָרגן־זון איז אַרויס.
אַ בעכער פול מיט טוי איז די רויז.
און פון בלויען נעפּל בלייכט דיין געזיכט,
טרויעריק, פאַרטראַכט.
ביז איך דיר אַקעגנגעלאָפן,
און דאָ דיך געטראָפן —

ברודער מיינער,
ווען שוין מערנישט אַוועק אין שאָטנדיקער ווייט.
איך וועל נישט אָפּלאָזן דעם זוים פון דיין קלייד.
קום מיט מיר, געדענקסט, אונזער שטוב איז אָט אין יענער זייט.
אַלע בענקען נאָך דיר אינדערהיים:
די מאַמע האָט די אויגן זיך שוין אויסגעוויינט.
דער טאַטע איז שוין אַלט און גרוי.
זאָלן זיי הערן דיין קול,
פאַרנעמען די טרייסט פון דיינע רייד.
זיי וועלן האַלזן און בענטשן דיך אַזוי.

וואָסזשע וויינסטו אַזוי פאַרשעמט?
ווער האָט צעריסן און פאַרבלוטיקט דיין העמד?
דיין קאָפּ מיט אַ ווייסן לייוונט פאַרבונדן?
קום, זע, אַ שוואַרצער נעפּל נעמט דיך אַרום.
וואו ביסטו? אָ, ביסט ווידער שוין פאַרשוואונדן!

און קיינער איז נישטאָ.
בלויז שטילער שאָרך אין די גראָזן.
די זון טרינקט דעם טוי פון די רויזן.

אָ, רעד צו מיר מיין קינד

גאָלדענער טאָג אויף חרובער וואַנט.
פולע, בעטנדיקע אויגן צאַנקען אויף רויטן קישן.
דער טאַטע קען דאָס בלוט פונעם יינגלס פּנים נישט אָפּווישן:
דאָס בין איך, אָ, רעד צו מיר מיין קינד.

עס ציטערט די האַנט,
ווי אין אַ בלוטיקן לעפל,
אַ שטראַל טוט אַ פאַל —

גאָלדענער טאָג אויף פאַרזשאַווערטע דראָטן.
הינט גריזשען געהרגעטע זעלנער אין קלויסטער־גאָרטן.
און פאַרן יינגלס אויגן אַזאַ פינצטערער רויך.
ווידער פליט דער באַלקן פון דער הויך.
זיינע ליפּן שוימען אויף דער ציך.

און דער טאַטע פול געוויין:
אָ, רעד צו מיר מיין קינד.
און ווי רעגנטראָפּנס פאַלן די טרערן
אין יינגלס הענט אַריין —

און גאָלדענער טאָג.
עס בריט דער צעלעכערטער וועג.
דער וואַלד איז אָנגעטאָן אין גרין.
דאָס טייכל גלאַנצט אין ליכטיקן ריז.

באַם פּלויט

פֿאַרנאַכט.
עס טונקלט דער וועג.
ביימער בלעטערן באַם ברעג.
און מיר געהויקערט אונטער שווערע זעק;
שטייען באַם פּלויט:
ווי תּמיד, מצבֿות באַבערדיקט מיט מאָך.
אין האַרץ פֿון אַ בוים אויסגעהוילט אַ לאָך.
דאָרט — יונג, איינזאַם דעם ברודערס קבֿר שאָטנדיק, פֿאַרדעקט.
די ווערטער האַלב פֿאַרמעקט.
פֿאַלט די מאַמע אויפֿן זאַק,
די טרערן טריקענען אויפֿן פֿאַרלייטיקטן געזיכט:
זון מיינער, וואו ביסטו איצט, וואו?! . . .

און אומעטיק, קיל,
פֿון וואַלד שאָטנט אַרויס די נאַכט.
לבֿנה בלאָנדזשעט אונטער באַרגיקן שליאַך.
און אויפֿן אָפּגעריסענעם קלויסטער־דאַך,
הוידעט זיך אַ שכורער סאָלדאַט און לאַכט . . .

שאָטנס דריי

איך גלויב, גלויב און גלויב:
גופים־ערד און שטויב.
איר, שאָטנס דריי, לעשט אין מיין געמיט
דאָס ליד פון פרייד און לויב.
איר גייט מיר נאָך.
עס וויינט דורך מיר אייער בראָך.
דעם צער אין מיר האָט איר אָנגעצונדן.
דאָס ליכט אין בלענדעניש טוט בלינדן.
אין בענקעניש, אין וואָך,
מיר גייען אויפן שליאָך.

א.

דו איילסט זיך ווידער

וואַלד, גראָז, דופט.
דאָס האַרץ וואַרט, האָפט.
ישכר ברודער, טו אַ לאָך.
דער שטערן — אַ בלוטנדיקער לאָך.

עס זיינען שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַריבער,
דו איילסט זיך ווידער:
פייער שפריצט קאָזאַקישע קאָפּעטע.
אויף דיין אַקסל אַ לאָפּעטע.

אויפֿן לאַשטשיוּוער וועג,
הינטער די שאַפֿעס,
ביסטו אַוועק,
גראָבן אָקאָפּעס.

שרייען ייִדן, שרייען כּלאַפּעס:
שמע ישׂראל, יעזוּס מאַריע!

פֿאַרשאָטן אין גראָבן,
ביסט איינער פֿון זיבן געבליבן,
האָסט שטיקער גלידער געקליבן,
אויף לאַפּעטע־צלמים,
די נעמען פֿאַרשריבן.

געשען אַ נס אויף איין מעת לעת.

די באָמבע האָט געטראָפֿן,
האָסט שוין נישט געקענט אַנטלויפֿן.

איינער פֿון זיבן,
איז אין פֿאַדערהויז געבליבן,
דער טאַטע האָט אויף מצבה־שטיין
דײַן נאָמען פֿאַרשריבן.

עס זיינען שוין פינף און צוואנציק יאָר אַריבער,
דו איילסט זיך ווידער:

אַלע וועגן — סכנה.
אַ פאַרצוקנדיקע חיה — דאָס חיל דאָס ברוינע.
ווילד, געשווינד, קוילעט מען טאַטע, מאַמע און קינד.

פון זיבן איז קיינער נישט געבליבן.
קיינער האָט קיינעמס נאָמען נישט פאַרשריבן.

אויפן וועג דער הונט,
לעקט זיין וואונד.

דו איילסט, נישט אויף קיין ווייל.
די סכנה — מייל אויף מייל.

עס ווייטיקט דיין וואונד.
אַ פאַריתומט קינד,
דער הונגעריקער הונט,
בלאָנדזשען אויפן וועג אַצינד.

ביסט מערנישט בלינד.
דו קומסט צו מיר,
און וועסט קומען ווידער,
אומעטום, צו יענעם אָרט,
פון שרפה און פון מאָרד.

דיין קבר איז נישט קיין רואיקע פיר אייל.
די ערד איז פול מיט וואונדן, מיט ביילן.
מען קען דאָס אומגליק נישט ציילן.
איך טו אין פיין פון דיין אומגליק דערציילן.—

ב.

פעטער יונה

פעטער יונה, יאָרן פיר,
אין סאָלדאַטסקן מונדיר,
האָסטו געדינט פאָניען
אין שנייאיקן סיביר.

אויפֿן שלאַכט־פעלד, עמעצער האָט אויסגעשאָסן,
האָסט מיט אייגענע הענט דאָס בלוט אין האַרץ
צוריק געוואָלט פאַרשליסן.
דיין יאָמער־געשריי האָט זיך צו דער מאַמען נישט דערשלאָגן,
ברומענדיקער ווינט האָט אים אָוועקגעטראָגן.
דער פייערדיקער הימל־דאַך
האָט געגליט איבער דיר און געקראַכט.
דיין פנים האָט געבלאַסט
אויף רויטן פעלד, אין שרפֿהדיקער נאַכט.
דאָס קעסעלע וואַסער האָט איבער דיר זיך געגאָסן.
האָסט אַליין זיך מטהר געווען.
ביסט אוים יתום געוואָרן — — —

פרייטיק פאַרנאַכט
האָט דער סטראַזשניק
דאָס שוואַרצע פּאַפּירל אַליין געבראַכט:
אַז די באָבע דאַרף מיט דיר זיין שטאַלץ,
האָסט געטריי געדינט דעם צאַר און דאָס פאָטערלאַנד.
די באבע האָט געקלאַפּט איר קאָפּ אין א שייט־האָלץ.
אין איר האַנט האָט געפלאַטערט
דיין געשפּרענקלטע שניפּסן־באַנד.
און איך האָב געקוקט אויפן ווינטערדיקן דרויסן,
אויפן אייז־קאַלטן גלאַנץ.
און געהערט דיין יאָמער־געשריי, אין אימהדיקן טויטן טאַנץ.
דער פייערדיקער הימל־דאַך האָט געגליט און געקראַכט.
דיין פּנים האָט געבלאָסט אויפן רויטן פעלד, אין שרפהדיקער נאַכט.

גייסט מיר נאָך,
עס וויינט דורך מיר דיין בראָך.
דעם צער אין מיר האָסטו אָנגעצונדן.
דאָס ליכט אין בלענדעניש טוט בלינדן.

ג.

חיים הערש

חיים הערש שלעפּסט זיך נאָך דער פור,
אויף זאַמאַשטשער בלאָטיקע וועגן.
פירסט פּאָר טאַטע־מאַמעס קרעמל,
נאַפט, צוקער, זאַלץ און מעל.

פאַרנאַכט צו,
מיט בלאָטע פאַרשפּריצט און פאַרקלעפּט,
האָסטו זיך אין בית־מדרש ווינקל אוועקגעזעצט.
אַ קאָפּטשענדיק לעמפּל, אין חשך דיין פּנים געל.
די גמרא, דער ניגון — דיין לעבן געוואָרן איז העל.

חיים הערש קום ארויס פון קלויז.
דיין און גרינג די קאַסע קלינגט.
די טשערעדע פון קלאָרן טייבל טרינקט.
עס האָרכט דער האָז אויפן שטעג.
אויף באַגראָזטן ברעג,
דאָס פאַסטוכל אין זיסן דרימל.
שמראַלן — בליאַסקענדיקע זעגן,
שניידן ביימער אויף וואַלדיקע וועגן.
און דיך האָבן שאָטנס פאַרשלאָסן אין הוסאַטינער שטיבל.

ביסט קיינמאָל נישט געווען אויף דער לאָנקע,
צעגריזשעט האָט סוכאָטע.
די געוואַלענע מילך האָט אויף די לונגען נישט געלייגט קיין לאַטע.
איבער דער לאָנקע האָט מען דיך אַריבערגעטראָגן,
און דיך געלייגט לעבן זיידנס זייט,
און צווישן אַלע פרומע לייט.
און אויף דיין קבר האָט זיך צעגרינט
די גראָזן־בייט.

ד.

חיים הערש קום ארויס פון תחום.
ביסט געוועז אַ הייליקער קרבן — אָן אַ מום.

ווייסט, דער דייטש מיט דער פייערדיקער בייטש
איז ווידער דאָ.
הויזגעזינד פאַרקוילט צווישן ווייסטע ווענט.
טו אויס דיין טויטנהעמד,
נעם צונויף דאָס אַש
איז דיינע ביינערדיקע הענט.

ווייסט, דאָס בית מדרש איז חרוב,
מען דאַרף נישט קיין גאַרטל, קיין ערב.

נאָר דיין גמרא־ניגון האָט קיינער נישט געקענט פאַרברענען,
דיינע לעפצן לעכצן נאָך תורה — דיין ניגון טוט גענענען.

דיין מורמלדיקער שאָטן פאַרשלאָסן,
קיינער קען דאָס העליש־פייער נישט לעשן.

הונגער, נויט, גמרא און טלית,
גאָט־ברוך־הוא, און אַלעס וואָס ער האָט באַשאַפן,
האָבן דיר נישט געקענט העלפן.
האָבן נישט באַהיטן די הייליקע קהילה,
עס איז צום חורבן צוגעקומען נאָך אַ יאָמער־תפלה.

דו ענטפערסט נישט,
איך וועל ענטפערן פאַר דיר:
האָסט נישט קיין באַשייד,
עס האָט געזשאַוועט אויף אַלעמען די קיים.

ה.

דער באבעס תחינה־געוויין,
האט דורכגעווייקט דאס געביין.
א שטיין וואלט געקאנט צעגיין.
און דער פאטער אין הימל איז שטום געבליבן.
ער האט פון נחת געקוואלן,
געזאמלט די הייליקע טרערן אין לאגל.
זיין דינסטמויד שרה די אלמנה — כשר, גוט און פרום
איז דעם באשעפער וואויל געפעלן,
פון ליבשאפט האט ער געטאן זי שטראפן:
א גייערין איבער דערפער, אין שטענדיקן וואגל.
היץ, קעלט, רעגן און האגל,
א פויערישע כאטע עפנט דעם ריגל —

פון זינד נישט באפלעקט — לויטער, ריין,
איר זכות האט געדארפט אונז באשטיין.

אין בייזער שעה, אין יום־הדין,
איז זי געבליבן איין־אליין,
ביים סידור, מיט הייליקן אמן.

האבן זיך איינגעבראכן די ווענט, דער קוימען.
מען האט אין הימל געשוויגן,
דער דייטש האט מיט פייער געשפיגן.

געוועז איז דאס אין זכות
פון דער באבע שרה.
איר נשמה באשירעמט אונז פון יעדער צרה . . .

גאט מירן דינען דיך בלויז — נישט די עבודה זרה.
אזוי האבן געזאגט חיים הערש און די באבע שרה.

ו.

חיים הערש רייד,
עפן צו לייד — דעם באשייד.
אין מיר פון אלע טעג דער פיין,
רעדט דורך מיר אליין.

ענטפערסט נישט,
הער דאס געשריי אונטער זשאווערדיקער קייט.
דאס לעבן האט געפינצטערט אין הכנעה, אין תורה—די טרייסט.

איצט איז וויסט,
עס באפעלט די האנט וואס שיסט.

אבער וויים, דער צארן וואס גיסט זיך און גיסט,
שטארקט מיין האנט, מיין גייסט.

ווייל איך וויים און דו ווייסט,
אז הינטער אונזער הויז איז געלעגן דער בלאטע־טאל:

א זומפיקער טאל, ענג און שמאל,
פון דארט דאס ווארט שארפער שטאל.

דער שוסטער און דער שניידער,
דער בלעכער און דער קאוואל,
יונגען מיט בייזע, מאנענדיקע צונגען.

איצטער ווען היטלער־דייטש,
האט פארוויסט שטעטל און היים,
איז געבליבן די ערד — דער בארג פון ליים.
עס זיינען אויך ערגעץ דא די יונגען,
מוט און גלויבן אין זייער ווארט טוט קלינגען.

דער בלוטיקער שיין,
האָט גערעכטער און לויכטנדיקער
געמאַכט זייער וועג.
זיי זיינען אין לאַנד פון ברעג צו ברעג.

זיי וועלן פון פאַרהוילעניש, פון גרונטיקער טיף
אַ בליץ טאָן מיט שאַרף־שטאַליקער זעג.
און ליכטיק וועט ווערן אויף פאַרבאַרגנסטן שטעג.

אין יענעם טאָג וועט צאָרנדיק־פייער שלאָגן.
עס וועט הייליקער צאָרן פאַרטיליקן דעם שונא
און זיין סמיקן דאָרן.

ז.

ישכר, יונה און חיים הערש,
אויך אין אייך, אין יענעם טאָג וועט מען געדענקען,
מען וועט פאַר בלוט און פאַר חורבן נישט שענקען.
אַט די יונגען ווייסן, אַז געוועזן זענט איר גוט און ריין,
ביין פון זייער אָרעם געביין.

מוט און גלויבן אין מיין האַרץ.
אין מוט, אין פיין איך האָב געשוואָרן:
איך וועל נישט רואיק, שטיל ווערן,
ביז דאָס אַלץ וועט מקוים ווערן . . .

דאָס ייִנגעלע פֿון פּוילן

איך בין דאָס ייִנגעלע פֿון פּוילן.
הונגער איך און גיי אין הוילן.
טאַטע־מאַמע אונטער חורבה פּוילן.

איך בין יתום — איין אַליין,
רייס די ערד אין טרויער־געוויין.
מיינע טרערן — דעם בלוטיקן רעגן,
זאַפּן איין די זאַמדיקע שטויבן,
ווינטן קלייבן זיי און קלייבן —

איך בין דאָס ייִנגעלע פֿון פּוילן.
מיין לעבן הענגט
ווי אויף בוים די באַר.
אַ ווינט שויבערט,
ברעכט דאָס שטענגל איבער,
און עס וואַרט דער טויט אויף גראָזן־גריבער.

איך, ייִנגעלע פֿון פּוילן — אַ ווייטיקדיקער קנויל.
יאָמער־געשריי — מיין מויל.
און עס פֿאַלט מיין געוויין
אין נאַכט, אין וויסטער פֿינצטערניש
ווי אויף מדבר־שטיין — — — —

יאַשעק

יאַשעק מיט דער ביקס אויף לויער.
אים מאָלט זיך, אַז אַפענער, סקריפּענדיקער טויער.
דער וואָגן הויך, עס פאַרשמעקט דאָס געשניטענע היי.
די פערד גייען אַליין אין דער טאָפּאָלן־אַליי.
בילנדיק לויפן פאַרויס די קודלאַטע הינט די צוויי.
ווינקט זיין האַנדזשע צו זיי,
און באַהאַלט זיך בײַ דער בייטן־קרויט,
אין גאָרטן, הינטערן פּלויט.

יאַשעק מיט דער ביקס אויף לויער.
אים מאָלט זיך דער טאַטע, דער קלוגער פּויער.
ווינטערדיקער זונטיק, די כאַטע אין שניי,
און אַ זיסער ניגונדיקער טרויער.
פאַרעסן די קאַרטאָפּליעס אין די הייסע שיסלען.
באַטעמ׳ט די גריוון, רייצנדיק דער בראָנפן אין די פלעשלען.
עס פאַרשמעקט דאָס זויער פון אוגערקעס,
קרויט און ראָזאָווע ברויט.
און דער זיידע דערציילט
פון דער פּאָווסטאַניע,
און וועגן דעם טויט פון פעטער וואַניע.

ווינטערדיקער זונטיק, די כאַטע אין שניי,
זיין האַרץ פול מיט ליבע און וויי,
צו זיין שיינער האַנדזשע,
וואָס שליטלט זיך אין דער טאָפּאָלן־אַליי.

יאַשעק מיט דער ביקס אויף לויער.
אַ קויל זשומט פאַרביי זיין אויער.
דאָס פאַרבלוטיקטע געזיכט שמייכלט אין טרויער.
ער פאָרט אַריין אין אַפענעם, סקריפּענדיקן טויער — —

פֿויער, פֿאַר אַהיים

פֿאַרזשע פֿויער, פֿאַר אַהיים.
זיין וועט גרינגער פֿאַר די פֿערד.
אויף בית־עולם, אויף פֿרעמדער ערד,
אַ האַלבע משפּחה האָט קברים פֿאַרמערט.
יונג און אַלט — די באַבע אינדערמיט,
הונגער און שווערד האָבן געטאָן אַ שניט.

פֿאַרזשע פֿויער, פֿאַר אַהיים.
גרינגער וועט איצט פֿאַר די פֿערד זיין.
עס איז דיין יאַנעק אַ יונג אַ כוואַט,
ער איז אַ העלדישער סאָלדאַט.
ווייך נישט, זיין נאָמען איז נישט געווען אין בלאַט,
געזונט איז ער און פֿריש,
ער כאַפּט אודאַי, בײַ דער ווייסל פֿיש.

און דער פֿויער וויינט און וויינט:
בײַ דער ווייסל, איבער מיין זונס קבר
גרינט ערשטער פֿרילינג־בלאַט.
וואָס דאַרף איך די נחלה, די היים.
ווער דאַרף דאָס נייע שטיבל פֿון ליים.

פֿאָרט דער פֿויער.
עס איז די פֿערד נישט גרינגער.
טרויער און טרער,
ווייטיקדיק און שווער.

שטעלן זיך די פֿערד אָפּ,
פֿויער שפּרינגט פֿון וואָגן אַראָפּ,
רעדט און צלמט זיך איבער:
הויך און שטאַרק דער נייער באַרג.
קיינער איז דעם טייך נישט אַריבער,
געבליבן זיינען סאָלדאַטסקע גריבער.
אפשר ליגט דאָ אויך מיין יאַנעק, מיין ליבער?

פּאַרט דער פּויער,
קיינעם איז נישט גרינגער.
פּנים פּאַרדעקט,
עס רינען טרערן צווישן פינגער.

ברעכט די מאַמע די הענט:
גאָט, לאָמיך נישט זיין פאַרשעמט.
איך וועל אָוועקגעבן דאָס לעצטע העמד,
זאָל דאָס לעבן נישט זיין פאַרלענדט.
דאָס הויז חרוב און פאַרברענט,
דאָס לעבן איז אין דיינע הענט.
גאָט, צעברעך מיך נישט,
זאָלן ציגל און ווענט,
אַ כּפּרה זיין פאַר מיין מאַן און קינד.

שויבערט דער ווינט.
הונגעריק וואָיען די הינט.

שטרוי און אַש דאָס קאָרנפעלד,
פריש בלוט פאַרקילט אויף סאָלדאַטסקע העמד.

אויף ביקס, שווערד און פּיקע,
שוואַרץ־ברוין דער זשאַווער.

אין סאָלדאַטן־גרוב,
די טויטע האַלזן זיך — אַלע חבר . . .

פּאַרזשע פּויער, פּאַר אהיים.

דער טאַטע

דעם טאַטנס פּנים לענגלעך, דין.
א טרויער בליט אַזוי גרין.
און היים דאָס האַרץ טוט רייסן,
צום זון וואָס פאַרפאַלן איז געוואָרן זיין געביין,
ערגעץ, אין אַ שלאַכט, צווישן בערג און שטיין.

בלאָנדזשעט ער אין וועג,
הפקרט דאָס בלוט און די טעג.

בלאָנדזשעט ער אין פרעמד אַרום,
פאַר אַלעמען פאַרשלאָסן, שטום.

אין פרימאָרגנס טויאיק, קאַלט,
ערשטער שטראַל טרעפט אים שוין טיף אין וואַלד.
אַרום בערג און ווילד, הינט וואיען, אַ שטילער ווינט.
און מיט אַ גרינער צווייג אין האַנט,
צייכנט ער אין הייסן זאַמד,
דעם זונס געשטאַלט. —

אין פאַרנאַכטן, באַ אַ פענצטער, אין לעצטן שיין,
זופט ער קאַלטן, רויטן ווייַן.
שפינט דאָס גליק זיך און שפינט:
אויף די קני זיצט זיין קינד.
גוט צו דרימלען שטיל אַצינד.
נאָר אָט זיך אויפגעכאַפט,
אויף דריי פיסלעך הינקט אַ שטול.
גלאָז און פלאַש איבערגעדרייט.
אַלץ פאַרשווינדט, ווערט ווייט . . .
פאַלט דאָס פנים אויפן טיש,
און אַ טרער ווערט אויסגעווישט.

און יאָרן שווין אַזוי,
צעבראָכן, מיד.
אויפן קאָפ די ווייסקייט בליט.
דאָס פנים פון היץ, ווינט און קעלט,
צעהאַקט, צעשיילט און צעברענט.
עס טרויערן דינע, ביינערדיקע הענט.
און היים די בענקשאַפט צו אייגן קינד. —

איך בין אָנגעגרייט

איך בין אָנגעגרייט, איך בין דאָ,
פאַר דער לעצטער, אייביקער שעה.

דאָס לעבן באַ מיין צוקאָפּנס,
שטייט טרויעריק, שוואַרץ.
די טעג ציטערן — רעגנטראָפּנס
אין ווינטיקן האַרבסט.

טרויער געזאַנג יעדער קלאַנג.
אין מיין האַרץ,
מיין קינדערישער טרוים,
ברענט פינצטער־שוואַרץ.
און עס הערט נישט אויף דאָס געוויין
פון יתומדיק קינד, פון יונג געביין,
אין מאַרד־וועלט, אויף צעבליטן פעלד.

וויסט און טויט.
באַ צעריסענער בריק,
קלאָגט דאָס אומגליק
פון קינדערישער וויג.
ביקסן־קנאַל, בליאַסקעדיקע שווערד,
עס הוידעט זיך אונטערן האַרמאַט די ערד.

װאַסער טרינקען די לעמער.
דעם פּאַסטוכס אָפּגעהאַקטער קאָפּ
שווימט אין עמער.
און הינטער קעלערדיקן, שטיקנדיקן גראַט,
ציטערט מײַן קינדעריש לעבן אין צעריסענעם כאַלאַט.

איך בין אָנגעגרייט, איך בין דאָ,
פֿאַר דער לעצטער, אײביקער שעה.
דער טאָג אין שרעק, אין פּײַן,
די נאַכט אין יתומדיק געװײן.

אויף אַלע ערדן,
אויף די שטורמישע אָקעאַנען,
קלאָג און יאָמער.
הענט און פֿיס ברענען,
קעפּ װאַלגערן זיך,
שווימען אין פֿײַערדיקן־עמער.

דער סאָלדאַט בעט

אויף מאָרד־וועלט — אונטער הימל, אויף ים און ערד,
דער סאָלדאַט אין גרינעם כאַלאַט,
בעט אין שרעק:
גאָט, דערבאַרעמדיק און גרויס,
צי דיין האַנט אין רחמים אויס.
שלאָג מיט שוואַרצער בלינדקייט
דעם ליכטיקן טאָג.
די זון אין חשך זאָל אַנטרינען,
און מער צו דער ערד, דעם וועג
נישט קענען געפינען.

אויף מאָרד־וועלט — אונטער הימל, אויף ים און ערד
דער סאָלדאַט אין גרינעם כאַלאַט,
בעט אין שרעק:
גאָט, רייס פון הימל אַרויס די שטערן.
אויסרינען זאָל דער ווייסער שיין
פון לבנהדיקן, שאַרבן־ביין.
און ווייסט, שוואַרץ־בלינד זאָל ווערן!

גאָט דערבאַרעמדיק און גרויס,
צי דיין האַנט אין רחמים אויס.

אין פלאַקער

ווי אַלעמאָל,
די שויבן בליאַסקען אין דער רויטער מויער.
אין ווייס־פאַרנאַכטיקן טרויער,
דער טאָג ברענט אויס.

נאָר פאַר מיינע אויגן מישט זיך אַלצדינג אויס.
די צייטונג פאַלט פון האַנט אַרויס.
מיינע יאָרן צוריק אין פלאַקער:
דורכגעלעכערטע ווענט — אַ שטעטל שטיבלעך.
אין דער בלאָטע, דורכגעזוגטע פלייצעס ווי ברעטלעך.
אונטער אַ באַלקן אַ קינד — אַ צעקוועטשטע פליג.
און טייך, פוילנדיקע פיס — שטיקער פלעקער
פון דער צעריסענער בריק.
און אין גליענדיקע הויכן,
לבנה קאַפּטשעט.
צווישן הייסע רויכן,
שפּאַנען זעלנער הין און צוריק.

יאָ, איך בין איצט אין לאָנדאָן:
צעבראָכענע טעפּ — די קעפּ
פון געהרגעטע מענער, פרויען און קינדער.
דער טויט איז מילדער צו שאָף און רינדער.
עראָפּלאַנען זשומען.
שרעק !
אַלע גלידער שוידערן אין אַנגסט.
עס פאַרטויבן די קלעפּ.
עס ברענט דאָס הויז.
עס ברענען די טרעפּ.
איך קען נישט אַרויס. —

יאַמערט מיין געשריי,
מיין קינד !
איך קלאַמער אים אַרום.
אַ וואַנט וואַקלט זיך קרום.
פון באַלקן זעצט אַ שוואַרצער וואַלקן.
אַ שווינדלענדיקער לויף אַראָפּ, אַרויף.
איך כאַפּ זיך אויף:

אינדרויסן איז ליכטיק,
לבנה שטייט ביים הימל־ברעג.
מיט זעגל־שיפל אין האַנט,
רואיק שלאָפט מיין יינגעלע.
גלעט איך זיינע האָר,
און וויין אינדערשטיל. —

גליט דער ווייטיק, גליט.
און כאַטש די ווענט זיינען גלייך.
און גאַנץ איז דער דיל.
וואָר — אין פלאַקער זיינען מיינע יאָר.
איך בין אינדערהיים.
אין בין אין לאָנדאָן.
עראָפּלאַנען זשומען.
עס פאַרטויבן די קלעפּ.
עס ברענט דאָס הויז.
עס ברענען די טרעפּ.
איך קען נישט אַרויס —

ראַטעוועט אַצינד,
ראַטעוועט מיין איינציק קינד !

געבליבן

מיין ליד,
איך האָב דיך אויסגעהיט פון בלוט און צאָרן.
אין דיר די בענקשאַפט פון מיינע קינדערישע יאָרן.

אין טרוים,
מיט דיר אַלע לענדער בין איך דורכגעפאָרן.
און אַלעמאָל געבליבן שטיין אַליין,
בײַ מיין בעט, אין סאַנאַטאָריע, אויפן צווייטן גאָרן:
דער טאָג גרויט, דער שניי ווייס.
עס שרעקט דער טויט אין בלאַסן צימער,
אויף רויטער הויט —

ליד מיינס, אומעטום געווען, אין ערגעץ נישט געבליבן.
פרייד נישט אויפגעקליבן, אומגליק איז געבליבן.
אויף אַלע פעלדער בלוט, אויף אַלע וועגן צאָרן.
מיין גוף אין פיין ווי אויף שטעכעדיקן דאָרן.

דאָס פאַרבלוטיקטע פאַרמעט איז אויפגעוויקלט.
אין פאַרוויסטן ליקל,
מיין ליד גליט — אַ פייערדיקער זיגל:

קינדערישער שפּאַן פאַרזשאַווערטע קאַן.
קרישלדיקער שטיין, צעבראָכענער ציגל.
גלוויבנדיקע יאָר פאַרטרויכט און ניי,
מיט ערד באַדעקט, צעלעכערט מיט הייסן בליי.

און בײַ טאַטנס חרוב הויז, בײַ חרובע שטובן,
בין איך דער איבערגעבליבענער, דער לעצטער
מיט אומגליק און ליד געבליבן —

עס פירט מיך מיין טויטער ברודער

אין פאַרהוילענער פינצטערניש מיין גאַנג,
אַרום מיר לעצטער קלאַנג, יאָמער־קלאָג.
ריים נאָך איינמאָל זיך דורך ליכטיקער טאָג.

ווייט, סודותדיק איז דער וועג צו דיר,
מאַך אויף דיין ווייסע טיר.
שטרעק אוים דיין האַנט,
פיר מיך פונעם פינצטערן נעפּל אַרוים,
צום גרינעם וואַלד, צום שטילן הויז.

אַז אויסגעשטרעקטע האַנט שטראַלט מיר אַקעגן.
וואַסער־בעכערס וואַרפט דער רעגן.
שטום, דו נעמסט מיך אַרום.
אויפן שליאַך בלויט אַ רעגנבויגן.
פרייד און וואונדער אין אונזערע אויגן.
דאָס גליק פירט צוויי ברידער,
אויפן לעצטן וועג, צום ווייסן ברעג — — —

עס ליכטיקט

דאָס שטעטל און די היים

א.

דער טאָג עפנט זיך הונגעריק, גרויס.
יעדער וואַרט ביים בריקל פון אייגן הויז.
אַזוי און אַזוי זעט עס אויס:

ביז צוביידע בריקן צו,
ליגן די פאָרשטעטלעך אין גרינער־רו.

דעם שוסטערס קינדער זיינען הויט און ביין,
און גנבענען פון די שטעלן עפּל און ברויט.

דורך אָפענע פענצטער,
בײַ ניי־מאַשינען,
פרייהייט־לידער מאַכן די אַרבעטער
פאַר שוועסטער און ברידער.
ווייסע הענט נאָדלען אויס אין דין־ווייסע שטעך:
די אַלטע וועלט אַ פאַרברעך! צעברעך!
און אויפן שפּאַציר — רויט געהאַפטענע טיכלעך,
דער שטאָלץ פון אייגענעם צעך.

אין די יריד־טעג,
געפינען פויערים רויטע אויפרופן
אין די פורן.
פאַלט אַ פאַרדאַכט:
און רצחיש־ווילד שלעפט מען אינמיטן נאַכט,
באַלמעלאָכישע יונגען פון די בעטן.
און צעשלאָגענע, געקאָוועטע איינער צום צווייטן,
פירט מען זיי אַוועק אין פרימאָרגנס,
אויף ברייטע, פויערישע וואָגנס.

ב.

און אין ווייסע נעכט,
קופּקעלעך ווייבער אויף בריקלעך,
צויבערן מעשות ביז טיפער שפּעט.
אַקעגן שאָטנט דער פּלויט.
שרעקט די מעשה אַזוי און אַזוי:
אויפן וועג אַ שטיבל גרויט.
דאָרט איז שדים־טאַנץ,
דאָרט לויערט דער טויט . . .
צעוויינען זיך די קינדער
פון די שרעקלעכע בילדער,
און שלאָפן איין אין מאַמעס שויס.
און כאַפּן זיך אויף,
ווען עס רופן טאַטעס אין הויז.

און דער טאַטע מיינער,
וואָס איז שוין גרוי.
ניגונט נאָך אַלץ איבער דער גמרא.
ווי עס ווערט נאָר בלוי.
פאַר אים, אויפן טיש קילן זיך דריי גלעזער טיי,
ווייסע, דינע פאַרע פעדימט זיך פון זיי.
און די מאַמע טרייבערט דאָס דרויב,
מאַכט אונטער די פּיסלעך אַ פייער,
און פאַרקויפט שטיקלעך פּעטס
און מאַגערע קישקעלעך פאַר אַ דרייער . . .

דער טאָג עפנט זיך הונגעריק, גרויס.
אַזוי און אַזוי זעט עס אויס —

פרייטיק צונאַכטס

טוט יענדרוך די נאַסע וואַנצעס אַ וויש.
נעמט אַראָפּ די לייכטער פון טיש.
דרייט אַביסל דעם לאָמפּ אַריין.
און אין קיך, אין פאַרשלעפּערטן שיין,
בלייבט ער זיצן אומעטיק, אַליין,
און נעמט ציילן פון זאַק אַרויס,
האַלבע קוילעטשן און שטיקלעך חלות.

דערלאַנגט אים די מאַמע
חלה, פלייש און יויך.
בליאַפּטשעט ער, און גריזשעט אינדערהויך.
און זיין שאָטן לאַנג און גרויס,
שרעקט פון אומעטיקן ווינקל אַרויס.

און שטיל, וואָרעם איז אין שטוב:
דער טאַטע פאַרדרימלט איבערן אָפענעם חומש.
די באָבע פרומט זיך באַ קריאת־שמע לייענען.
און דער עלטערער ברודער לייענט מיט אַן אומעטיקן ניגון,
די פאַרכמטיקע מעשה פונעם „נישט־היגן".
טוליען זיך אין די באַנקבעטלעך די קינדער און שווייגן.
פינקלט יענדרוך מיט קאַלטע, אומעטיקע אויגן,
צו דער הון וואָס דרשאַבעט קרישקעלעך אונטערן אויוון.

ליידיק

איך שטיי בא דער שוועל:
דער טאָג בלאַסט.
אין קיך איז פינצטער און שטיל.
און עס גיסן אויף מיר דער מאַמעס טרערן:
רעד, לאָמיך דיין קול כאָטש הערן.
און דער טאַטע האַלט מיך אַרומגענומען:
זון מיינער, ביסט טאַקע געקומען?

און איך גיי די שוועל אַריבער:
עס נידערט די נאַכט,
דער הימל מיט שטערן איז אָנגעשטאָכן.
ליידיק איז דאָס הויז.
צוגעמאַכטע באַנקבעטלעך אין די ווינקלען.
שאָטנס זיצן אויף די שטולן.
און די בענקשאַפט נאָענטע געשטאַלטן נעמט אויסמאָלן:
דער פעטער יונה אַ שטילער, אַ פאַרשלאָסענער,
שפּאַנט איבערן שטיבל.
גלעט דאָס שוואַרצע בערדל.
זיצט אָפט שעהן בא דער גמרא,
לערנט זיך רוסיש און בוכהאַלטעריע.
פּרוּווט מיט דער נאָז דאָס פּייפן פון קאַליע אויער.
און נישט איינמאָל אַ פאַרטרויערטער בא דער שויבנטיר,
ווישט ער טרער נאָך טרער.
געווען איז דער פעטער יונה אַ יתום און אָרים,
און מיטן קאַליע אויער געדינט האָט ער אין מיליטער.
און ערגעץ אין קריג, פאַרפאַלן איז געוואָרן זיין געביין,
דער צער האָט אויסגעטריקנט פון דער באָבען
דעם קוואַל פון געוויין.

און איבערן ברודער יששכר,
בויגט זיך שוין אכצן יאָר אַ מצבה־שטיין.
און טאַטע־מאַמע געבליבן זיינען איינע אַליין.
אויף די ווענט אומעטיקן בילדער פון פאַרוואָגלטע קינדער.
דער טאָג ברענגט בריוו פון ווייטע לענדער,
און באַפאַלט מיט בענקשאַפט ביים פאַרגיין —

און ליידיק איז דאָס הויז.
דאָ האָט אַמאָל דער טרוים געבענקט.
איצט אין שטילקייט, דער טרויער
ווי ווייסער שפינוועבס הענגט.
בלויז די נעכט בלויע ווי געווען,
לבנה שליטלט זיך אויפן שפּיגלדיקן גלאַנץ
פון פאַרקאָוועטע טייכן.
אויף דעכער — שנייאיקע בייטן,
לאַמע קוימענס — רייטן.

און ליידיק איז דאָס הויז.
צוגעמאַכטע באַנקבעטלעך אין די ווינקלען.
שאָטנס זיצן אויף די שטולן.
און אין בענקשאַפט די געשטאַלטן,
נעמען ווידער זיך אויסמאָלן.

די נאַכט איז ליכטיק און העל.
איך בין אַריבער די שוועל.

טאַטע

.1

ביסט דער זעלבער, גוטער טאַטע
פון דער אַלטער היים.
עלטער, גרויער נאָר,
פון יסורים לויטער דיינע יאָר.

מילדקייט פון דיין אויג,
פאַלט אויף דיין געפייניקטן זון.
שטרעק אויס די האַנט,
רוען לאָז זי אויף מיין קאָפּ,
איידער מיין צעבראָכענער גוף,
זינקט אין גרוב אַראָפּ.

יונג בין איך, די יאָר אין טויאיקן בלי.
נאָר מיין גאַנג, שטרויכלענדיק, לאַנג.
דאָס וואַלד־געצווייג האָט מיין לייב פאַרוואונדיקט.
אין וויסטער איינזאַמקייט ווארעמט מאַכיקער שטיין.
אין זאַמד־שטורעם:
אַ נאַקעטער בוים — אַ לויכטנדיקער פאַקל.
אַ ווייטע שיין — אַ פלאַקערדיקער אָרעם.
הויערנדיקער פעלז — אַ שוץ וואַנט
אין וויסטן לאַנד.

זאַמד־שטורעם פאַרזינקט לעצטן פאַקל.
מיין טראָט האָקט פאַרויס,
דאָס האַרץ פול מיט ברויז,
נישט שרעק און נישט וואַקל.

ווייל יונג בין איך, די יאָר אין טויאיקן בלי.
אין מוט, אין בענקענדיקן בלוט,
לויכט דער איינציק־ערשטער מאָרגנפרי.

טאַטע,
מײַן גאַנג שטרויכלענדיק, לאַנג.
דער טאָל — אַ תּהום. אין דאָרן דאָס באַרגלאַנד.
ליכטיקע שטערן־אויגן,
פֿירן נישט בײַ סכּנה־בּרעגן.
און נאָך־אַלץ איך זוך
אין הימל — אין בלוי, זײַדענעם טוך,
אַ שײַן פֿאַרן טראָט,
צושפּרייזן צווישן דערנער־דראָט — — — —

ליכטיק־זשע אויף מיר טאַטע.
דײַן נאָענט־זײַן,
מאַכט מיך זעעוודיק, מילד.
און ווי אַ קינד,
לויטער, ריין,
קלאָרט די פֿרייד
אין מײַן געביין.

דו ביסט — שטאַם.
דײַן עבר — טיפֿער ים.
דײַן ליבשאַפֿט אין לויטערקייט רינט.
דײַן וואָרט גוטסקייט שפּינט.
דער גלויבן פֿון דורות
אין דיר קוואַלט.
דײַן לעבן וואונדער באַהאַלט:
אין פֿינצטערסטן שפּאַלט,
ליכטיקייט פֿאַלט.

און כאַטש אונזער פּיינען־וועג
איז באַזונדער —
איז בלוט און ליבשאַפט — אַ בינדנדיקע שטריק.
דיין גרונט — דער ווייטער צוריק.
איך ריים זיך פאַרויס,
איך וויל צו ליכטיקייט אַרויס —

דיין קול רואיקט מיך איין.
באַ דיין האַנט, איך בין יינגעלע קליין.
דאָס פינגערל אין מויל און איך זינגל מיר, זינגל
ווידער גרויסע אותיות פון סדור.
דער מלמד וועט דיך נישט שלאָגן.
מיר אַליין וועסטו נאָכזאָגן:
אַ ייד דאַרף זיין מיטן האַרץ ריין.
דאָס איבריקע קומען וועט אַליין.
אין זכות פון מיינע הייליקע זיידעס,
זיי גרייט צו טראָגן דאָס לעבן אויף פלאַקערדיקע עקדות —

2

די פייער־שטראָמען
אויפֿן טייך באַגינען,
בין איך מיטגעשוואומען:
אין טוי דאָס גרין,
גלעטנדיק און דין.
דער שאָטן ציט זיך גלייך.
דאָס וואַסער ציטערט אין טייך.

דאָס בלעטער־קרויט שאַרכט.
שמאָלער שטעג האַרכט.

פֿערד — הירזשענדיקער לאַד
אויף גראָזן־ברעג.

אויף זאַמדיקן שליאַך
די שטילקייט שלייכט.

די פייער־שטראָמען בלענדן.
באַגינען ברענט בא די ראַנדן.

און מיין האַרץ פֿלאַטערט:
דיין ניגון טוט זיך וויגן.
די גראָזן בייגן זיך און בייגן.

און אַט — איך דערזע חנה װעשערין פֿאַרמאַטערט,
שלעפֿט מיט בלױע הענט אַן אױפֿגעבלאָזענע ציך.
די אױגן — ברענענדיקע לײד.
דאָס פּנים — װײַסער קרײַד.
און איך פֿאַרשעם זיך פֿאַר מײַן קינדערישער פֿרײד,
אַ טרױעריקער לױף איך גיך, גיך,
און בלײַב שטײן אין סאַזשע־קיך.

װידער ביסטו געװען.
איך האָב דיך דערזען:
דײַן אומעטיק תּהלים־זאָגן
האָט טיף גערירט,
און מיך צו אײגן
אָרעם, בלאָטע־געסל געפֿירט.

פֿון דעמלט — אין צער מײַן גאַנג.
פֿון באַעולהטער אָרעם גאָס מײַן קלאַנג —

אודאי — נישט אַזױ האָסטו געמײנט.
איך קעמף אױפֿגעצאַרנט־גערעכט אין ראַנגלענדיקן הײַנט.
ליכטיק־אַנדערש דער מאָרגן פֿאַר מיר שײַנט — — — —

3

דיין ווייטיק ברענט
אין לבנה נעכט.
פון צער — דיין פנים ווייסער.
דאָס ליכטל שווינדלט אויף גמרא־בלאַט.
דער ניגון, דער שטילער — לעשנדיק געוויין
אין דער בענקשאַפט, דער הייסער.
ירושה־הויז געוואָרן איז תפיסה־גראַט.

און איך אויף קראַנקן בעט,
אויסגענאַגט, מאַט,
בין מיט דיר געווען,
אין דיין צער נעווען א צד.
עס האָט פרייד נישט געליכטיקט אין מיר.
זון און רו האָט נישט געמאַכט זאַט.

די זון האָט זיך געזעצט.
גרויע שאָטן־ווענט
האָבן דעם טאָג פאַרלענדט.
און איך האָב נאָך דיין וואָרט געלעכצט.
מיין גוף אין ווייטיק האָט געקרעכצט —

און דורך נאַכט, אויף ווייסטן וועג,
אהיים, אליין, צו דיר זיך געשלעפט.
נאָר אלעמאָל געפאַלן בא דער לאַנגער בריק.
א גאַנצן טאָג דורכגעפיבערט אויף צוריק.
דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: דער פאָעט האָט גליק! —

.4

טאַטע ווייס,
דאָס לעבן אויף מיר בייטשט.
און ווי באַ אַ גרייז — איז יעדע שעה,
אַ ליכטיקע טייטש.
כאָטש סעדער האָב איך נישט געהיט,
אין מיר די פרייד, ווי אויף בוים בליט.

וואָר — נישט תמיד גערעכט.
צענמאָל וואָרער — אַרום ברויזט דאָס שלעכט.

מען טריפט אין מיר האָס און סם.
איך וועל אַריבער דעם ברויזיקן ים.

מיין טאָג אַנקערט אויף יענעם ברעג.
עס גרינט דער וועג באַ יענעם עק.
זון וואַרפט אויף האַלז פון בוים — אַ שטראַלן צוים.
די רו נעמט אַרום — אַ סאַמעט זוים.

איז ליכטיק זשע אויף מיר טאַטע.
דאָס מילד־ווייך קוקן,
ווען דעם טרויער־שרעק פאַריאָגן.
פיינט האָב איך די רייכע, זאַטע,
די באַעולהטע און אָרעמע,
זיי מיין וואָרט וויל איך זאָגן.
הילף און שטאַרקייט פאַר מיר זיי טראָגן.
און אין זכות פון מיינע קעמפנדיקע חברים,
יונג אין מוט, גלויביקער פון זיידעס,
בין איך גרייט צוטראָגן מיין לעבן
אויף פלאַקערדיקע עקדות — — —

דער טאַטע געזעגנט זיך

א.

פרימאָרגן,
די זון — אַ גליענדיקער ראָד.
די בליט פייכט אין הויפישן סאָד.
טרויעריק, פאַרטראַכט שלייכט דער טאַטע צום הייליקן אָרט,
זאָגן צו קברים פון זיינע אָבות דאָס לעצטע וואָרט.

רירט ער אָן מיט דער האַנט,
דעם פינקלדיקן זאַמד בײַ דער שימלדיקער וואַנט.
פאַרבענקט ווינטלט דאָס צעגרינטע לאַנד.
די זון וויקלט אַרום זיין קאָפּ אַ גאָלדענעם באַנד.
מאָרגן — וועלן יאָגן פרעמדע צוגן,
זאָלן כאַטש די שיך, די הענט דעם שטויב מיטטראָגן.

ב.

צעסקריפּעט זיך דער פאַרזשאַווערטער טויער.
פרימאָרגן טונקלט. די סטעזשקע גרוי און גרויער.
זעצט זיך דער טאַטע אַוועק צווישן מצבה־שטיין,
פלויטן היטן די שטילקייט אין דאָרנדיקן גרין.
ווישט ער מיטן גראָז דאָס מאָכיקע געשפּין,
מורמלט עפּעס, כליפּעט אינדערשטיל,
ביז ער פּלאַצט אַרויס אין אַ גרויס געוויין:
קברים פון מיינע עלטערן, איך לאָז אייך איינע אַליין.
שווייגן פאַרמעקטע, אַלטע מצבות,
טרערן נעצן די מאָד־באַברעמטע ווערטער.
די אָבות ליגן אין די הייליקע ערטער.
און דעם טאַטן, דאַכט זיך, אַ טרייסטנדיק קול,
פון דער טיף, דערהערט ער —
און ער פאַלט אויפן קבר פון זיין עלצטן זון:
פאַרגיב, איך פאַרלאָז דיך אַצינד,
עס וועט פון ווייט, פון פרעמדער ווייט,
גרייכן צו דיר מיין בענקשאַפט, מיין קינד.

ג.

האלבער טאג, דער טאטע פארמאכט דעם טויער.
דער וועג איז שטיל און ליער.
און מיטן זאמדיקן ברעג,
צו די גרינע פאשעס לאזט ער זיך אוועק.
צעבראכן געמיט, געמאסטענע טריט,
אלץ־ארום אין ווייטיק פארקלעמט,
כאטש דער ווינט שטיל און צארט
די גראזן קעמט —

און שפאן נאך שפאן,
וואוהין און פונוואן?
צום טייך, צום וואלד,
צו חברים און גוטע ברידער.
ווייל באלד, שוין באלד,
וועלן יאגן פרעמדע צונגן,
לאמיך כאטש א הארציק ווארט מיטטראגן.

ד.

און אין זעלבן אויפדערנאכט,
ביים קאפטשענדיקן לעמפל־שיין,
מיט אותיעלעך דראבנע, קליין,
שרייבט דער טאטע צום זון אין קאנאדע אזוי:
„לך לך מארצך.
בא אברהם אבינו איז דאס געווען פון די ערשטע נסיונות.
און גאט האט אים צוגעזאגט: ואעשה אותך לגוי גדול.
מיך פרואווט גאט מיט דעם אויף די עלטערע יאר,
און וואס איז מען מיר מבטיח?”

וויים פלעמלען די שטערן.
די פען ציטערט אין זיין האנט:
זון מיינער,
ליב איז מיר די היים,
כאטש פון די ווענט שיילט זיך דאס ליים.
גאר איך בין שוין גרייט,
פארן אין פרעמדער וווייט,
ווייל פון גאט איז דער געבאט:
לך לך מארצך.

ה.

צומארגנס,
דאס גאנצע שטעטל גייט דעם טאטן באגלייטן.
דער טוי טריפט פון די בייטן.
שטילער גאנג.
דער טאטע בויגט דעם קאפ צו דער ערד אראפ,
רייסט פון פעלד ארוים א זאנג.
ניגונט אין יעדן דאס וויינענדיקע חומש־געזאנג:
לך לך מארצך.

אינדערוווייט פארשטילט לעצטער קלאנג —

ווינטער נאַכט

די נאַכט אויף שויבן גליט.
די מאַמע צירעוועט שלעפעריק, מיד.
דער טאַטע, די גמרא, לאַנגער שאָטן וויגט.
גמרא־ניגון זינגט אין יעדער גליד.
די באָבע זינקט אין שטילן גליק,
דעם זונס תורה — איר אייזערנע בריק.
זי זעט דאָס ליכט פון דער ווייט,
זי מורמלט תחינהדיקע רייד.

שרעקט דער נאַכטיקער דרויסן.
אויף שטיבל הויקערדיק, שטום,
שליידערט זיך שנייאיקער ווינט.
עס ציטערט דער שינדל־דאַך.
די שויבן פינטלען בלייאיק, בלינד.

און דער נאַכטיקער דרויסן יאָמערט.
דער באָבעס פנים ווערט פאַראומערט.
אין זעקל פעדערן די הענט.
דאָס האַרץ אין צער פאַרקלעמט:
דער יונגסטער זון אַ סאָלדאַט,
שלעפּט זיך ערגעץ, אין מדבר־שניי,
נאָכן האַרמאַט.
און טרויער־געוויין איר געבעט:
גאָט דערבאַרעמדיקער, צעבראָכן איז מיין געמיט,
באַשירעם, באַשיץ און באַהיט
די הולכי דרך — אַלע וואָס זיינען אונטערוועגנס.
און מיין זון וואָס איז נע ונד
אין גויאישע הענט,
זאָל גיך קומען אַהיים פון דער פרעמד.
איך וועל אָוועקשענקען מיין לעצט העמד.

פֿאַרמאַכט דער טאַטע די גמרא.
טרויער קנייטשט זיין צורה.
איבערן שטוב נעמט ער שפּאַנען,
אין זיך שטיל ער מורמלט,
ביז ער בלייבט אין ווינקל שטיין
און קרעכצט אין טיפֿן פּיין:
תקע בשופֿר גדול לחרותנו.

ווישט די באַבע זיך די אויגן:
מיין מערכה — אַ ווייסטע אלמנה,
אין צער אים געזויגן,
און צו צער אים דערצויגן.
פֿאָטער הארצעדיקער, צעריים דעם גזר,
און זאָלן נישט זיין פֿאַרשעמט מיינע אַלטע יאָר.

און די האָפֿנונג מילדערט דעם טרויער.
די מאַמע דערלאַנגט דער באָבען טיי
און זאָגט דערביי:
איך בין אייך ערב, יונה וועט קומען אהיים בקרוב.
און זי זעצט זיך אויפֿן באַנקבעטל אַוועק,
צירעוועט ווידער דעם זאַק,
און זינגט דאָס ליד פֿונעם פֿרומען בעטלער
וואָס בלאָנדזשעט אין וועג,
און געפֿינט אַ בריליאַנט ביים זאַמדיקן ברעג.
נאָכדעם וויינט דאָס ליד פֿון דער אָפּגענאַרטער ליבע.
אָבער דאָס מיידעלע דאַרף נישט טרויערן,
זי האָט גאָרנישט אָנגעוואוירן,
דער יונג געוועזן איז אַ שאַרלאַטאַן.
קריגן וועט זי דערפֿאַר אַ ערלעכן מאַן.

און אומעטיק, לאַנג דער מאַמעס געזאַנג.
אויף דער לאַנגער באַנק,
ווינקט מיין שאָטן מיטן לאַנגן טלית־קטן.
אין ווינקל־שאַנק,
טונקלט דאָס לעמפּל — ציטערדיקער צאַנק.

און ליד נאָך ליד.
עס קלאָגט דעם אָרימאַנס לייד.
נישטאָ קיין נחת, נישטאָ קיין פרייד.
עס ליידן די פאַרשיקטע אין סיבירער פרעמד,
אין תפיסות שטאַרבן יונגען אויף קאַלטן צעמענט.
און דאָך — נישט אַזוי וועט זיין די ענד.
די מאַמע זינגט ביז דאָס פריילעכע ליד פון נצחון ברענט:
„פאָניע מיט די קאָזאַקן ליגן אין דער ערד,
און מיר ציציליסטן רייטן אויף די פערד.
פאָניע מיט די קאָזאַקן פירן טאַטשקעס ערד,
און מיר ציציליסטן רייטן אויף די פערד".
נאָר דאָ זיפּצט די באָבע שווער אָפּ,
אַ טרער זידט אין פייער־טאָפּ.
דאָס נצחון־געזאַנג הערט אויף,
מיר קוקן צו דער באָבען אַרויף.
עס שטילט אונז איין דער מאַמעס וואונק.
אין ריבע דרייט זיך די פלאַמען־צונג.
און שטיל, אומעטיק הויבט די באָבע אָן:
עס איז געווען נאָך דער מלחמה מיט יאַפּאָניע.
געליטן האָט אַ גרויסע מפּלה דער חזיר פאָניע.
די ציציליסטן פיל פון זיי פאַרשיקט קיין סימביר,
זיינען געשטאָרבן פון פלאָג און קעלט
אין דער וויסטער פרעמדער וועלט.

האָט דער אַרבעטער־ראַד נישט געקענט פֿאַרטראָגן מער,
און אַ געשריי געטאָן, וויפֿיל איז צו ליידן דער שיעור
האָט מען אַ רעוואָלוציע געמאַכט,
און דעם צאַר אַ כתב אַזאַ אונטערצושרייבן געבראַכט,
זיינען אַלע פֿריי און גליקלעך געוואָרן איבערנאַכט.
עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין טעג, קיין אַכט,
און דאָס אַלץ צום שלעכטן האָט דער צאַר צוריק איבערגעמאַכט.
אין וואַרשע האָט מען הונדערטער מענטשן דערשאָסן
לעבן אַ טורמע־פּלאַץ.
פֿון ציטאַדעל האָט מען די ציציליסטן
געוואָרפֿן אין ווייסל באַנאַכט.
מען האָט גענישטערט אין די הייזער.
די קאָזאַקן האָבן געשלאָגן און געהרגעט,
און געשכורט אין די ביר־ברייזער.
אין איינעם אַזאַ טאָג אויפֿן וועג
צווישן שעברעשין און זאַמאָשטש,
האָבן די קאָזאַקן געכאַפּט בערל ברוק,
דעם אָנפֿירער פֿון די ציציליסטן פֿון זאַמאָשטש ביזן בוג.
ער האָט זיך אַפֿילו געהאַט פֿאַרשטעלט,
נאָר די וועלט איז געווען שוין פֿאַר אים פֿאַרשטעלט.
מען האָט אים געכאַפּט אינמיטן פֿעלד,
אין אַ פּאַסטוך־געצעלט.

אוי קינדערלעך,
עס איז געווען אין זומער 1905.
עס איז אזא ווייטיק זיך צו דערמאנען,
ווינד און ווי איז דער מאמען.
עס איז אזוי, אזוי געווען:
מען האט א טישל מיט טשוועקעס באקלאפט.
בערל ברוק הויל און בארוויס,
האט אויף די שפּיציקע טשוועקעס געטאנצט.
קאזאקן מיט נאגייקעס,
האבן געשונדן די הויט פון זיינע פּלייצעס.
און ער — האט גארנישט געזאגט, גארנישט דערציילט,
ביז דאס טישל האט זיך איבערגעדרייט.
א פארגאסענער מיט בלוט איז ער געפאלן אויף א זייט,
מיט אפענע אויגן איז ער געבליבן ליגן
מיטן פּנים צו מערב־ווייט — — —

און אַז עולם שטייט אַרום און אַרום,
די פּנימער פון צער אויסגעקרומט,
די זון זינקט אויף צעגליטן זאַמד,
די גרינע לאַנקע פלאַקערט רויט,
ביים וואַלד, דאָס וואַסערל שאַטנדיק בלויט,
און דער הרוג מיט אָפענע אויגן,
ליגט מיט אַ פויסט פעסט פאַרבויגן,
דער לעצטער שטראַל ווי אַ וואַרעמע האַנט,
גלעט זיין געזיכט,
קושט אים מיט לעצטן ביסל ליכט — — — —

די באָבע זיפצט שווער אַפּ,
אַ טרער זידט אין פייער־טאָפּ,
אין ריבע דרייט זיך די פלאַמען־צונג,
און אין אונז ווינט דאָס יונגע לעבן
פון בערל ברוק — דעם דערמאָרדטן יונג.

און דער נאַכטיקער דרויסן יאָמערט,
אַלעמענס פּנימער פאַראומערט,
אויף שטיבל הויקערדיק, שטום,
שליידערט זיך שנייאיקער ווינט,
עס ציטערט דער שינדל־דאַך,
די שויבן פינטלען בלייאיק, בלינד.

נפתלי באַטווין

צו תּפֿיסה, צו עשאַפּאַט,
אַזויפֿיל יונגע, ליכטיקע יונגען גייען,
מיט אַזאַ הייסן גלויבן,
מיט אַזאַ ברענענדיקן פֿײַן.

און דו ביסט אויך געגאַנגען,
מײַן ליכטיקער, דו איינער,
דו נפתלי באַטווין,
ייִנגל האַרציקער, ייִנגל קליינער.

אינמיטן העלסטער שעה,
דער טאָג געוואָרן איז בלינד.
די מאַמע אין צער לויפֿט צום אכזר,
בעטן פֿאַר איר קינד.

דער אכזר — אַ רוצח, אַ ווילדער ריז,
שיפּעט אין משוגענעם האַס.
די מאַמע פֿאַלט צו זײַנע
באַשטיוולטע, באַשטאַלטע פֿיס:
מײַן האַר, ביסט דאָך אויך אַ טאַטע,
איך וועל זיצן פֿאַר אים,
מײַן גאַנץ לעבן הינטער גראַטע.
שענק אים דאָס לעבן,
קער אום מײַן איינציקע טרייסט,
אין מײַן אָרעמער כאַטע.
איך האָב אים געהיטן,
געציטערט פֿאַר יעדן ווינט.
ער איז אַן עלנט, אומשולדיק קינד,
ריין און קליין.
לאָז אים אָפּ אַהיים.
ער איז דאָך מײַן געביין.
האָסט דאָך אַ האַרץ,
און נישט קיין שטיין.
ביסט אַ טאַטע דאָך אַליין.

דער אַכזר שטויסט די מאַמען,
מיט די באַשטיוולטע, באַשטאַלטע פּיס.
דער אַכזר — אַ רוצח, אַ ווילדער ריז.
שיפּעט אין משוגענעם האַס,
און וואַרפט דער מאַמען אַ בליק — אַ שאַרפע שפּיז:
אויסשניידן דאַרף מען די צונג פון דיין יונג.
וואַרפן זיין פלייש פאַר די הינט.
אַוועק פונדאַנען געשווינד,
הינטישע מאַמע דו!
דיין יונגס לעבן — הפקרדיקער ווינט.

דער מאַמעס טרערן פרירן
אויף די באַשטיוולטע, באַשטאַלטע פּיס — — — —

די תפיסה געשטאַנען איז אָפן.
דאָס אומגליק איז נאָכגעלאָפן,
אַלע וועגן דער מאַמען פאַרלאָפן.

און געשטאַנען ביסטו יונג־גלויבנדיק קעגן טויט.
מיין ליכטיקער, דו איינער,
דו נפתלי באַטוויין,
יינגל האַרציקער, יינגל קליינער.

ייִנגל פֿון דער געטאָ, פֿון הינטערגאַס, וואַרשטאַט.
דײַנע מאַזאָליעדיקע הענט,
האָט דער אַכזר מיט זײַן האַס פֿאַרלענדט.
עס האָט דײַן האַרץ אין ליכטיקן גלויבן,
דאָס הייליקע לעבן דערקענט.
אין פֿײַער פֿון ליכטיקן גלויבן,
דאָס אייגענע לעבן דערהויבן.

מײַן ליכטיקער, דו איינער,
דו נפֿתּלי באָטוויִן,
ייִנגל האַרציקער, ייִנגל קלײנער.
אין צער, אין פֿרייד,
דײַן גלויבן ליכטיקט אין אונזער שטרייט.

צו תּפֿיסה, צו עשאַפֿאָט,
אַזויפֿיל יונגע, ליכטיקע יונגען גייען.
און נאָך מער וועלן גייִן,
מיט אַזאַ הייסן גלויבן,
מיט אַזאַ ברענענדיקן פֿײַן.

אין אַ הייסן תמוז־טאָג

א.

הייסער תמוז־טאָג באַקט,
הערש־בער באַלעגאָלע פֿאָרט אויף ברייטן טראַקט,
ברוינע קאָרנפֿעלדער פֿאַרבלענדן די אויגן,
הויכע סאָסנע־וועלדער פֿאַרשטעלן די וועגן,
דער טייך בלישטשעט, די כוואַליעכלעך שטויסן זיך און שטויסן,
עס איז אים אַזוי מחיהדיק־גוט אין פֿרייִלעכן דרויסן;
דער טאָג זינגט אין העלער־הויך,
אויף דער לאַנקע וויקלט זיך אַ בלויער רויך,
פֿייפֿט זיך אים אַזוי געשמאַק,
קנאַקט ער מיט דער בייטש צום טאַקט.

ב.

פֿאָרט הערש בער אויפֿן ברייטן טראַקט,
אים איז פֿרייִלעך, אים איז גוט,
ער איז היינט מיט דער וועלט אין גוטן מוט,
און ער זעט נישט ווי עס הוידעט זיך דער וואַלד אים אַקעגן,
עס שרעקט שאַמנדיקע שטילקייט,
פֿערד און וואָגן יאָגן מיט שוימיקער ווילדקייט,
און אַ געשטאַלט לאַקערט אונטער אַביימל,
ביז — אַ דראַנג טוט אַ פֿלי צווישן פֿערדס פֿיס,
אין מערדערס האַנט איז איינגעקרעמפּעוועט דאָס ציימל,
עס שווידערט אַ שכור, פֿרעך געלעכטער:
העי, מאַשקו, העי זשידקו, דאוואַי בראַדקו!
עס ציטערט נישט הערש בער און בעט נישט קיין רחמים,
ער נעמט מיט דער בייטש גאַר כוואַשטשען —

גרויזאַמט נקמה אויף גזלנישע געזיכטער.
אויף מעסערס צינדט זיך גרויליקער בליאַסק.
און הערש בער אין פּחד אין שטומען נעמט ברומען.
עס ציטערט דער וואַלד דער געדיכטער.
מעסערס דליבען שוואַרץ־אַפּלען.
פאַרשטיקטער רעווען — ווייטיקדיקער יאָמער.
די זון אין וואַלד — אַ בלוטנדיקער עמער.
און אויגן — צוויי פינצטערע רערן,
פליסן בלוטיקע טרערן.
אויגן — צוויי אויסגעהאַקטע לעכער.
טראָפּנס בלוט אויף גרינעם גראָז —
גליענדיקע קוילן אין אַ פייערדיקן בעכער.

ג.

אַ קראָ פלאַטערט,
הויך און שטאָלץ שטרעקט זיך אַ בוים.
פאַרבלוטיקט אויג וואַלגערט זיך אין שטויב — אַ רויטע פלוים.

קריכט הערש בער אויף אַלע פיר
און טוט אַ דריי אוים דאָס געזיכט צו דער ליכט.
שיסט זוניקער בויגן אַ שטראַליקע פייל אין זיינע אויגן.
מאַמע!!! יאָמערט ער און פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד.
צאַפּלט דער וואַלד זיך אין אימה,
די שטילקייט פליסטערט וויי און ווינד — — — —

ד.

טיפער טרויער,
דער וואַלד פאַרהילט אין שאָטנדיקן שלייער.
איוואַן פאַרט אין אָרימען געשפּאַן.
ער האָט געזעגנט זיין זון אין תּפיסה,
און געווען בא חבר סטעפאַנס גסיסה.
פול איז דאָס געמיט ביז די ברעגן.
דער פיין דאָס האַרץ טוט זעגן.
פלוצלינג — עס שאָרכט, ער האָרכט:
אַ בעטנדיק קול שעפּטשעט אין וויי.
איוואַן כליפּעט און דעקט הערש בערן איין מיט שטרוי און היי.
אַ, וואו ביסטו סטעפּאַן? אָ, מיין זון, מיין ליכטיקער יאַן!
ברויזט אין וואַלד דאָס צעשריגענע געוויין.
און אויפן אָרימען געשפּאַן זעט איוואַן:
עס צינדט דער העכסטער באַרג זיך אָן.
און אַ מוטיקער מאַן — זיין ליכטיקער יאַן,
שפּרייט אויס די באַפרייערישע פאָן — — — —

ה.

ברודער, נישט קלאָג,
גלויביק, הויך זאָג:
פרייליך איז דער טאָג,
ער גייט זיין ליכטיק, ווייטן מהלך.
אין פייער־קאַלעך וועט געבוירן ווערן
דער ווייסער, גוטער מלאך — — — —

עם ליכטיקט

1

יאָסל געדענקסט, מאָנטיק־פאַרטאָג:
דאָס לעמפּל קאָפּטשעט.
דיין מאַמע פאַרצירעוועט שוין אַ זאָק.
און דו, מיטן טאַטן, מיט העק און זעג,
לאָזט זיך אין דאָרף אַוועק.

דעמלט, אין שנייאיקער שטילקייט,
מיט אַ שווערע גמרא,
שלייך איך צום געהויקערטן בית מדרש.
פון דער חורבה שאָטנס שרעקן.
אַ לאַנג און גרויס געשטאַלט,
ציטערט אויף דער קרומער וואַנט.
און איך בין דיך מקנא,
וואָס דו שלאָפסט אויף שטרוי־זעק,
אין דאָרפישע שטיבלעך.
רויכערסט מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן,
האָסט אַן אייגענעם גראָשן.
זומער, מיטן בלוי,
טעסעט שוין דיין האָק.
די פעלדער נעפּלען.
ווייסע נאָדלען — די גראָזן.
נאָס — ווי אַ רעגן וואַלט באַנאַכט געגאָסן.

.2

און איך בענק אַ גאַנצע וואָך,
נאָכן שבת־פאַרנאַכט,
ווען מיר זעצן זיך אַלע אויס,
אויף די קלעצער אַרום אונזער הויז.
אין טאָל, צווישן די גערטנער,
האַרבן זיך די פּלויטן.
אויפן האַרץ פון טייך,
די זון — אַ רויטע שטאַרץ.
און עס סודעט דיין קול:
די נאַכט האָט געגידערט,
אויף דער הייל, אין וואַלד.
זיינען עטלעכע פאָוסטאַנצעס,
מיט צעבראָכענע שווערדן אין האַנט,
געקומען צו אַ פאַרהוילענער סטעזשקע, צו אַ מאַכיקער וואַנט.
אויפן גאָלדענעם שליסל — אַ בריליאַנט,
אַ ריר — די טיר איז אָפן,
די פאָוסטאַנצעס זיינען איינגעשלאָפן —

סודעט דאָס געסל,
עס פינצטערן די שויבן,
און מיר גייען אויף אַ פאַרהוילענעם וועג,
אין וואַלד, צו דער הייל אוועק — — —

3

און כאַטש
דער צעבראָכענער אויוון רויכערט.
דער הימל בלויט זיך דורכן צעלעכערטן דאַך.
דער פּיין גראָבט זיך אין דער מאַמעס פּנים איין,
ווי זשאַווער אין אייזן אַריין.
דאַנקען מיר פאַר יעדן טאָג, ווי דאָס גאַנצע בלאָטע־געסל.
עס וואַרעמט זיך אַ טרוים, אונטער אַ צויבער־שלעסל . . .

און שטילער, ליידיקער ווערט דאָס בית־מדרש:
וואַרשע און לאָדזש פון הונגער בלייך און געל.
די חסידישע בחורים — כיטרע ליוועראַנטן,
שיקן וואַגאָנען קאַרטאָפל און מעל
צו די ווייטסטע קאַנטן.

די חסידישע בחורים — כיטרע ליוועראַנטן,
קליידן זיך מיט שיק — אמתע פראַנטן.
זיי שפּאַצירן מיט מיידלעך אינמיטן מאַרק,
דערציילן פון לעמבערגער וואַקזאַל און פון קאַרפּאַטן־באַרג.

און די לערנערס וואָס האָבן אַן אידעאַל:
שטאָפּן זיך מיט דקדוק,
מושטירן זיך מיט בעזעמער אין קדימה־פאַריין.
זינגען ביאַליקס „אל הצפור”, „הכניסיני”, „ותחזקנו”.
עס איז קיין ציון די בענקשאַפט גרויס און ריין.
ווי אַרום שטעטל די בערג — די הרי־יהודה זיינען שיין.

דער העברעאישער לערער אַנגעטאָן אין אַ פֿאַלערינע,
שפּרייזט איבערן שטעטל גאוהדיק, גלייך,
רעדט העברעאיש אַשקאַנאַזים־ווייך.
חסידיש־גבירישע טעכטער זיינען פֿאַרליבט, געבלייכט.
חיים־לייב, דעם שניט־קרעמערס טאָכטער
האָט איר ציל דערגרייכט.

און שטילער, לייַדיקער ווערט דאָס בית־מדרש.
איך בלייב דער לעצטער צווישן בחורים,
וואָס זוכן תכלית, וואַרטן אויף שחיטות, אויף רבנות,
דרייען צבועקיש־פֿרום די געדיכטע פּאות.
איך זוך צו קומען צו אַ ברעג.
אין ביאַליקס „אל הצפור" פֿלאַטערט מיין בענקשאַפֿט,
און פֿלאַסטערט קיין ציון דעם וועג.

טאָג פֿאַרגאַנג:
איך בין איינער אַליין
אין איינזאַמען בית־מדרש.
בענקשאַפֿט מורמלט אויף די שויבן.
שטראַלנדיק, רויט דער שול־דאַך.
אין ליקל לאָזט זיך אַראָפּ דאָס שאָטן־בריקל.
מיין גמרא־ניגון טרויערט איבער אומעטיקע טישן.
מיר דאַכט, אַרום דער לאַנגער באַנק, ישכר שפּאַנט.
אַ שטום זאָגן, אַ שטום זינגען.
אויף דער וואַנט רעדלען גילדערנע רינגען.

איך בין איינער אַליין.
דאָס בית מדרש איינזאַמט.
בענקשאַפֿט מורמלט אויף די שויבן.

4

מורמלט דאָס שטעטל:
עפּעס טוט זיך צווישן באַלמעלאָכישע יונגען.
שבת באַטאָג איז שטיל, ליידיק דאָס בית מדרש.
מאַמעס אין הוילער שרעק וועגן די קינדער,
וואָס זיינען אַוועק אויפן שלעכטן וועג.
בייז, פאַרכמורעט קלאַפּט דער שטומער לייב מיטן שטעקן,
ברומט ווילד און קראַצט אין קאַכליעווע אויוון דעם נאַקן.
אים איז אומעטיק, קיינער רייצט אים נישט מער.
טיילמאָל דאַכט זיך אים, ווידער רינגלען אַרום די יונגען:
שטיקער שניי, נאַסע שמאַטעס פליען אים אין פּנים.
ברומט ער אין אויפגעזאַטענער רציחה,
יאָגט מיט אַפענעם קניפּעק אין האַנט,
שליידערט בענק און טישן אין ווילדער גבורה.
כוואַשטשען פּאַסיקעס, רימענדן קנאַקן,
יונגען לויפן אַרום בעלעמער,
קאַלערן צו זיינע פיס דעם הילצערנעם עמער.

דער שטומער לייב רעוועט און פאַלט באַ דער וואַנט.
אויפן גוואַלד לויפט אַן יאָשע שמש —
דער טויבער גלאָק, ער פאַרגעסט אין שבת:
דעם רויכיקן פאָרד שניידט דורך
דער אייזערנער פייער־שטאָק.
שויבן קלינגען,
דורך די אויפגעפראַלטע פענצטער
די יונגען שפּרינגען.

איצטער שטיל, ליידיק דאָס בית מדרש.
דאָס שטעטל מורמלט:
עפּעס טוט זיך צווישן באַלמעלאָכישע יונגען:
דער גאַנצער רעדל־פירער איז יאָסל־משה־צעסלערס בנאָק.
ער בונטעוועט מיט זיינע צאָרנדיקע רייד
קעגן מלכות, קעגן פּאַן.
רויטע אויפשריפטן אויף די ווענט, באַ יעדן ראָג,
רופן צום בונט אַרבעטער, פויער און אָרימאַן.
און די שיינע יידן — די ליוועראַנטן,
עונגן דעם שבת אין גראַמע צימערן, פול מיט אויסלענדישן מעבל,
און שיטן פעד און שוועבל אויפן חוצפּהדיק פּעבל.
שכורע פּאָליציאַנטן וואַרפן די יונגען הינטער גראַד.
עס בלייבט נאָך קיינעם נישט קיין סליאַד — — —

5

יאָסל געדענקסט,
אין איינעם אַזאַ שבת־באַטאָג:
שויבן אין זילבער־ראָסט.
אויפן שניי בלויט דער פראָסט.
דו רעדסט צו מיר אויפגעברויזט, פראָסט,
דיין וואָרט אויך פאַר מיר, ווערט מאָנענדיקער זאָג:
שרייבסט לידער וועגן טרויער, וואַלד און טייך.
שרייב פון אונזער ביטער לעבן, צאָרן קעגן רייך.
אין זאַמאָשטש האָבן מיר אַ חבר, אַ שוסטער יונג,
אין זיינע צאָרנדיקע לידער,
דער פיין פון אונזערע ברידער.
ער שרייבט ביים וואַרשטאַט מיט פאַריסטע הענט,
זיין וואָרט ברויזט און ברענט —

וואָס זיצסטו דאָ? עס שלאָגט די באַפרייטע שעה!
מיר אַרבעטער יונגען האָבן בייזע, מאָנענדיקע צונגען:
מיר ווייסן, נישט פון גאָט איז די שטראָף.
דער רב אַליין איז אַן אומגליקלעכע שאָף.
ער ציט אויס דעם האַלז, נאָך אים די עדה.
אָמן, שרייען אַלע אונטער הלף, אויף דער עקדה.
מיר קעמפן קעגן די הענט פול רויב,
פאַר פרייהייט און ברויט.
פיינט האָט איר אונז בית מדרש־לערנער,
איר אַנטלויפט פון אונז ווי פאַר שטעכעדיקע דערנער.
מיר האָבן פיינט אייער שור שנגח את הפרה,
דאָס אָננעמען די שטראָף הכנעהדיק־ליב און זיין אַלעמענס כפרה.
גערעכט, שטאָלץ מיר פאָדערן רעכט.
אָן מורא, אין פינצטערניש צינדן מיר דאָס ליכט — — —

שבת באַטאָג:
די שויבן אין זילבער־ראָסט.
אויפן שניי בלויט דער פראָסט.
דיין וואָרט אויך פאַר מיר ווערט מאָנענדיקער זאָג.
עס טרייסט דער טאָג,
וואָס אין ליכטיקייט יאָגט —

6

יאָסל, אין די הענט פול רויב — די שלאַנגען־רוט.
נישט טורמע, נישט קלעפּ,
האָבן געבראָכן דיין מוט.
גערעכט, שטאָלץ פאָדערסט רעכט.
אָן מוראָ, אין פינצטערניש צינדסט דאָס ליכט.
דיין חבריש געשאַנק — ראָזע לוקסעמבורגס האַרציקע בריוו,
רעדן צו מיר אין ליבשאַפט,
לויטער לויכט דער ברודערלעכער רוף —

אין נאַצי לאַנד, דיין מאָנענדיקער זאָג,
די טרייסט אויף מאָרגנדיקן טאָג.
ביסט נישט אַלט,
פון באַהעלטעניש, פון וואַלד,
שאָטנסט אַליין אין פאַרברענטער שטאָט.
דיין קול סודעט:
עס שלאָגט די באַפרייטע שעה!

7

יאָסל געדענקסט באַ דער וואַסער־מיל.
טיפע שפּעט, עס איז קיל.
מיר גייען אַהין און צוריק.
לבנה שפּרייט ווייסע שאָטנס אויף דער בריק.
די בליט שכורט אין הויפישן סאַד.
דאָס גליק גליט אין רויטן ראַד.
די רויטע פּאַן כוואַליעט אויפן ווינט,
צעברויזט דעם בונט.
דערנאָך, האַלבע פינצטערניש אין אַן ענגן שטיבל.
עס שרעקט אַ ריר פון דער טיר . . .
ווי דעמלט, בין איך איצט מיט דיר:
זע, עס ליכטיקט !
דאָס געריכטע וואָרט גליט.
אַט — מיר קומען אַן פון יענער זייט בריק.
עס גייט לבנה מיט אונז מיט.
עס שכורט די בליט אין הויפישן סאַד.
דאָס גליק צוויבערט אין רויטן ראַד — — —

משה איז געקומען אַהיים

א

משה איז געקומען אַהיים און געטראָפֿן:
דעם וועג ברייט און אָפֿן.
די קרעניצע מיט זונגאָלד פֿאַרהתמעט.
די גרינע צערקווע גרוי, פֿאַריתומט.
ביים שטיינערנעם פּלויט עלנט דער גלח יערעמטשוק.
דער אָרגל אין פּוילישן קלויסטער ציטערט טרויער.
דער משוגענער יאַנע מיט דער פֿידל וויינען באַ דער רויטער מויער.

אַ פֿרעמדער גייט משה אין שטעטל אַריין.
דער זומער טאָג בלישטשעט.
אין טונקלען ליקל הענגט
דער זונשטויב — אַ גאָלדן שטריקל.
ווידער שטייט ער אויפֿן הילצערנעם בריקל:
דעם טאַטנס ירושה־הויז פֿאַרפֿרעמדט באַ פֿרעמדע.
זיינע טריט דערהערן די ווענט די בלינדע.
די שויבן בליקן אויף אים פֿאַרשעמט, פֿאַרבענקט.
אין חלום־טעג, אין קינדערישן פּיין, אים דערמאָנט
דער ריר אין דער קליאַמקע־טיר.

ב

און ווי אַמאָל
ער נידערט צו חברים, אין בלאָטע טאָל:
געל־פּאַרטריקנט דער זומפּ.
עס זשאַווערט דער צעבראָכענער פּלומפּ.
אָפּגעריסענע, באָרוויסע קינדער היפּען איבער פּלעקלעך.
אונטער די פיס סקריפּען די הוידענדיקע בריקלעך.
אין חורבה־קעמערל,
קלאַפּט מעכל שוסטערס העמערל.
באַ מוינע שניידער טויבט די מאַשין.
לייבוש דער שניידער יונג,
הייבט מיט די אַקסל,
ציט פּאַסטריגעס מיט ציין און צונג.
פאַלט פון האַנט אים אַרוים די שער:
מוינע, זעט נאָר משהן, אָט־איז ער!

ג

סקריפּען אויפֿן גאַניקל די צעפּוילטע טרעפּ.
דאָס גאַנצע בלאָטע-געסל רינגלט אים אַרום.
האַרציק-ליבלעך שאָקלען באַלמעלאָכישע קעפּ.
עס פעלט בלויז די נייטאַרין מאַכליע מיט די לאַנגע צעפּ.
וויינט אין אים די בענקשאַפט שטום.
אויף מאַכליעס פענצטער
בליט אין וואַזע די רויטע בלום.
אין געוויין שטרעקט איר מאַמע די הענט:
משה, זי האָט דיינע לידער געזונגען און געבענקט.
אין טרערן דאָס פּנים געשווענקט.
זי האָט דיינע לידער געזונגען און געצאַנקט.
דיך, ביז דער לעצטער מינוט דערמאָנט.
אין פיבער האָסטו ווידער אויפגעגליט אין איר געדאַנק.
אויסגעגאַנגען איז זי מורמלענדיק דיין שטיל געזאַנג.
משה, עס איז געווען איר וואונטש:
ריים אוים די רויטע בלום און צו איר קבר קום —

שטייען באַלמעלאָכישע יונגען אין טרויער געבויגן.
טרערן רינען פון די אויגן.
אין צער גייט אויף דאָס דערמאַנען,
ווי זיי פלעגן אויף באַרגיקע וועגן שפּאַנען,
און זיסער בענקעניש די ליבשאַפט שפּינען — — — —

ד

ווידער דורך הינטערגעסלעך, אין חשך, געהיים.
שפּרייזן משה און זעליקל שליים.
נאָגנדיקער טרויער.
דער וועג — שרעק און לויער.
אַ הונטישער ביל,
דער טויער עפנט זיך שטיל.
עס קלאַמערט אים אַרום חבר וואַסיל.
אין אַט דער שטאַל,
פלעגן זיי אין די זונטיקס
לערנען מאַרקס קאַפּיטאַל —

קאַפּטשעט דאָס לעמפּל,
אויף דער וואַנט דרייט זיך דער סאַזשע־שטעמפּל.
אַלע זיצן אויף דער אַלטער באַנק:
ווערטער, דערמאָנענדיקער־צוריק־לויף,
העגט דריקן חבריש זיך צונויף,
קעמפנדיקע יאָר ליכטיקן אויפן וואָר.

אין פיינלעכן געראַנגל בלוטיקט דער טרוים:
אַרבעטער און פּויערים בלוט
פליצט אונטער פּאָליציייאישער רוט.
נאַרים שטעכן דעם אָרימען קצבס קעלבער.
פּיקעטן יידישע געוועלבער.
די וועלט אין טורמע־קלאַמער.
קעפּ שמעטערט אייזערנער האַמער.

אינדרויסן אַלע שטיבער שלאָפֿן.
דער ווייטיק וואונדיק, אָפֿן.
יעדער וויל די חיה צערייסן,
פֿון האָס און צער דאָס אייגענע לייב צעבייסן.
וויסטער קלאָגן — ווינט און צאָרן טראָגן.

און מאָנענדיק געשריי חבר וואָסילס באַריכט.
די רשעות פֿון דער וועלט שטייט פֿאַרן געריכט.
קאַמף און גבורה
אין האַנט פֿון פֿויער.
אין זיין קראַפֿט דער רויער
רויטער פֿיין.
די פֿרייד לויכט
אין מאָרגנדיקן, העלן שיין.

ווערט משהס לענגלעך, דין פּנים
העלער, דינער.
גוט צו זיין אין קאַמף
אַ טרוימען־שפּינער.
יאָרן געטראָגן דורך שרעקן און פּיינען,
שוימען אין גלויביקן ברויז, ווי פֿאַרשכורנדיקע וויינען.

ה

נישט אין דער פרעמד, נישט אַליין.
אין היימיש־ליבן בלאָטע געסל,
ברענען אוים זיינע טעג אין פּיין.
צער רעדט, עס דערציילט געוויין,
פון געפּייניקטע צווישן טורמע־שטיין:
דאָס זעקסטע יאָר שוין איז חבר יאָסל
צווישן טורמע־ווענט פאַרקלעמט.

אַ הענגענדיקן אויף די הענט,
האָבן פּאָליציאַנטן אים געשמיסן.
די נעגל פון די פינגער געריסן.
ער האָט גלויביק געשוויגן,
די אויסגעהאַקטע ציין געשפּיגן.
זיין מאַמע איז וויינענדיק,
ביים תפיסה־טויער אויסגעגאַנגען.
זיין חברטע ביילע, אין מאַי־טאָג, מיט בונט־געזאַנגען,
אונטער קלאַפּ פון שווערד,
צעקוועטשט געוואָרן פון פּאָליציייאישע פערד.

נישט אין דער פרעמד, נישט אַליין.
אין היימיש־ליבן בלאָטע געסל,
ברענען אוים זיינע טעג אין פּיין.
צער רעדט, עס דערציילט געוויין
פון געפּייניקטע צווישן טורמע־שטיין.

ו

גנזענן־טאָג.
משה זיצט בא מאַכליעס קבר:
אויפן מצבה־שטיין דעם שטומען,
וויינט זיין רויטער קראַנץ־בלומען.

אויפן מאַכיקן זייד,
שרייבט די זון ווי מיט ווייסן קרייד.

דער קברות־גוי קאָסעט דאָס היי.
פון די ביימער פאַלט די בליט — ווייסער שניי.

אָרום, קברים־קרייז,
ליבע, נאָענטע נעמען
פון יונג און גרייז.

די שטילקייט דרימלט.
משה אין טרויער מורמלט.

שעהן שווינדן, פאַרשווינדן.
אָפּגעריבענע אותיות בלינדן.

די מצבות מיט שאָטנס אָרומגעבונדן.
דער פאַרנאַכט נעמט איבער אים זיך צינדן —

ז

רויטער פיין,
די פרייד לויכט
אין מאַרגנדיקן, העלן שיין.
משה שאָטנט אויפן וועג,
ביים וואַלדיקן ברעג.
ליימיק, שטום דער באַרג.
וויים, קאַלט שניידט לבנה זיך אַרויס,
זילבערן־געדיכט זעצן שטערן זיך אויס.

גלויבן

ברויט

ברויט!
ברומעז אַלע הונגעריק, ווילד.
און הענט, שטאַנגעז הענט
שטאַלן זיך און דראָען:
געדענקט!

עס דויערט אַ מינוט בלויז:
אַ כוואַליענדיקער־שטורם,
פֿאַרויס!
און עס ענטפערן ביקסן: טויט!
און בלוט פֿראַסטיקט אויפֿן שניי.

טוט עפּעס אין פֿראָנט אַ ציטער.
און אַ פֿאַל — ווי אַ בוים וואָס מען זעגט אונטער.
ווערט אַ שווינדלדיקער־לויף,
אַראָפּ, אַרויף —
און עס כוואַשטשען נאַגייקעס ווי נאַסע ריטער.

כאַפּט עמעצער זיך אַרויף,
אויף אַ שפּיץ פֿון אַ מאָנומענט
און דונערט:
אַרבעטער אַנטלויפֿט נישט!
יאָגט אַז אַ קויל,
און בלוט טוט אַ גאָס,
דורך נאָז און מויל,
גרויל ! ! !

נאַכט,
שניי און שטורעם־ווינט.
עלעקטרישע לאָמפּן ווערן בלינד.
קלינגען צעריסענע דראָטן:
ווייסט צו אייך, געדענקט!

ליכטיק

מיר אין נויט, אין הונגער פארקלעמט,
פארקאוועטע צווישן ווענט,
פארטריבענע אין וויסטער פרעמד,
לייטערן דאָס ליכט פון מאָרגן,
אין אונזערע אומעטיקע אויגן.
און דאָס אויסגעבענקטע גליק,
וויגט זיך אין אונזערע הענט,
גלויביק, צעהעלט —

און זעט,
ליכטיק ווערט אַלעמענס פאַרשטאַנד:
אויף די העכסטע בערג העליש פייער,
געדעכט און אומדערשראָקן די באַפרייער.
דאָס וואָרט אויף אַ צעגליטן שטאַנג,
שטורמדיק, ווילד דאָס געזאַנג,
און דער שאַל — ווי פון וואַסערן דער פאַל.

ליכטיק ווערט אַלעמענס פאַרשטאַנד.

מיינע לידער

געווען זיינען מיינע לידער
בענקשאַפטן און טרערן,
איבער אַן אַלטן, צעמאַילטן סדור.
און ווי אַלע לירישע פּאָעטן,
ביז איך אוונטצייט געפלויגן
אויף גילדערנע קאַרעטן . . .

נאָר אַט — די נויט האָט גענומען ווישן,
דעם שטויב פון מיין פאַרכשופטער טיר,
צעגריזשעט דעם חלום אין מיר.
און פאַרשאַלטן, ביטער אַ צאַרן
האָט אָנגעהויבן יערן.
און פאַרשאַלטן ביטער,
דער צאַרן איז געבוירן געוואָרן.
און איבערגעבראָכן — עס קוועלט שוין מערנישט מיין געזאַנג
אויף פעלד, אין פאַרנאַכטיקן צאַנק.

איצט, מיין האַרץ — אַ ברענענדיקער קין.
מיין וואָרט — צעלאָזענער צין.
און אין דעם בלוט פון מיינע לידער,
גליט דער פּיין פון מיינע ברידער.
און אויסרייסן, צעברעכן ווי פאַרזשאַווערט אייזן
די שטאַט וואָס טיילט אין צוויי:

אויפן באַרג, אין זון, אין רו
רייכע, שטילע שטיבלעך.
עלעקטרישע לאָמפּן איבערן ווייסן שניי,
פאַרוויגט און היימלעך.

אין טאָל צווישן פאַבריקן פאַרקלעמט
נאַסע קאַלטע שטיבער.
ווי מייז קריכן מענטשן אין שטיינערנע גריבער.
דער שניי ביז די פענצטער שוואַרץ איינגעגעסן,
דער הונגער בינטלעד ביינער האַלט אין עסן.
און צווישן קלינגענדיקע טראַמווייען:
טאַטעס און מאַמעס אין רייען,
טראָגן אויף די הענט צו קינדערלעך צוויי,
פאַדערן ברויט און אַ קלייד.
בייסן פאַליציייאישע הינט,
טרעטן אויף לייב ווי ברעט.
און בלוט פלעקט און פרירט אויף ווייסן שניי.

באַנאַכט,
גאַסן אין הונגער פאַרקלעמט ווי אין אַ קייט.
איבער אַלטע, קרישלענדיקע מויערן,
הענגט די פינצטערניש
ווי אַ שוואַרץ, צעריסן קלייד.
און באַ איינגעבויגענע, פאַרזשאַווערטע טויערן,
הפקרט דאָס מאַמע־לייב און וויינט . . .

אַצינד,
בין איך איינער פון אייך.
ווילד רייסן זיך מיינע לידער פאַרויס.
און מיין האַרץ — אַ ברענענדיקער קין
אין אייגענעם בלוט ברענט אויס.

שטיל

אַ ליבע רו זאָל זיין די נאַכט,
מיין איינציק, טייער יינגעלע.
באַ דיין בעטעלע דיין מאַמע וואַכט.
און אונטערן פענצטער קלינגען טראַמווייען,
און עס ווייען און עס ווייען שנייען.

שטיל, און הער זיך איין מיין יינגעלע:
מען האָט געשלאָגן היינט דיין טאַטן.
ער האָט געפאָדערט ברויט און אַ קלייד,
און אויסגערופן: לעבן זאָל דאָס לאַנד פון די ראַטן!
פינצטערט ער איצט אין אַ קאַמער,
און עס טרויערט נאָך אים זיין האַמער —

שרעק זיך נישט, קינד מיין שיין,
מיר זיינען נישט פאַרלאָזן און אַליין.
עס וועט די נאַכט אַריבערגיין,
מאָרגן וועט דער טאַטע קומען צוגיין,
און אַ ליבער גאַסט וועט ער זיין.

אַ ליבע רו זאָל זיין די נאַכט,
מיין איינציק, טייער יינגעלע.
באַ דיין בעטעלע דיין מאַמע וואַכט.
און אונטערן פענצטער קלינגען טראַמווייען,
און עס ווייען און עס ווייען שנייען.

די מאַמע

ווינטער,
אונטער די פענצטער שנייאיקער ווינט.
די שויבן שרעקן זילבערן־בלינד.
בויגט די מאַמע זיך גאַנצע נעכט
איבער יינגעלעס וויגל.
וויגט, און פאַרזינגט איז דאָס האַרץ,
ווען אַ בליענדיק צווייגל:

די נאַכט האָט דעם חלום פאַרצויגן.
אַ בענקשאַפט פייכט די אויגן.
די פרייד לויטערער, טיפער פון קוועלנדיק וואַסער.
און ער אַזאַ ליכטיקער, אַזאַ צאַרטער —

וועקט אַלעמאָל איבער אַ קוויטש פון הונגעריקן קינד.
און די מאַמע הערט דעם טאַטנס צעשריגענע געוויין
פון תפיסה, פון פינצטערער טיף.
קייטן זשאַווערן ביז ביין.
יונגער קאָפּ גרויט אויף נאַסן שטיין —

טרייסלט זי שטאַרקער דאָס וויגל.
יאָגט די שרעק פון זילבערנעם טונקל.
ביז דאָס האַרץ צעזינגט זיך ווידער,
ווען בליענדיקן צווייגל . . .

מיד

די שטאָט אין העליש פייער.
אויף טירן, פענצטער רויטע קרענץ פונעם באַפרייער.

און מיד, איך גיי אַהיים,
די פיס ווי אין טיפן ליים.

דער פראָסט ברענט.
אַ פרוי הויקערט זיך פון קעלט,
שלעפט אַ וויינענדיק קינד און שעלט.

בעטלער אָן פיס, אָן הענט,
אָנגעשפּאַרט ווי פולע פעסלעך בײַ ווענט,
זיפצן, ציילן מיט די אויגן דאָס קופּער־געלט.

אַ דעמאָנסטראַציע ברומט — אַרבעטלאָזע אין רייען.
און עס יאָגן און עס קלינגען טראַמווייען.

מיד, איך גיי אַהיים,
די פיס ווי אין טיפן ליים.

ערב קריסמעס

טומלדיק, ליכטיק די שטאָט.
אין אַלע פענצטער, בילדער פונעם באַפרייער,
מאָלן זיינע וואונדערלעכסטע וואונדער.
און אויף ווענט, אויף דעכער,
דריי שטערן בלויען אויף:
הייליקט דעם יום־טוב! קויפט גיכער!

און פול זיינען גאַסן און סקווערן:
פרומע ווייבער זינגען קאַפּיטלעך תהלים.
קופּערנע פּושקעס קלינגען.

סקריפּעט דער שניי.
זילבערן געפּלעקט זיינען שויבן.
קאַליקעס קרומען די פּנימער פיינלעכער, פרומער,
שטאַרצן די מום־גלידער.
אַן אַלטער, אַן אַ האַנט, דרייט מיד און אומעטיק אַ קאַטערינקע.
דער הוילער אַרבל פּאַכעט אויפן ווינט —
אַ שטיק קאָרע אויף אַ צווייג.
אַ פרוי מיט בלינדע אויגן — פאַרקלעפּטע שטיקלעך טייג,
גלעקלט אונטער, און זופּט וואַרעם וואַסער פון אַ קאַרפינקע.

קוקן רייכע נחתדיק, צעפּלאַמט.
גאַטס גענאַד פרומט זייער האַנט . . .
פריד און פרייד אין טייערסטן פוטער געהילט.
און יעדן באַזונדער דער האַר יעזוס היט . . .

טומלדיק, ליכטיק די שטאָט.
אין אַלע פענצטער בילדער פונעם באַפרייער,
מאָלן זיינע וואונדערלעכסטע וואונדער.

אַ צופּאַל בלויז

א

טאַטע, דו טרייסט מיך:
די וועלט איז גוט און שיין.
מען טאָר נישט טרויעריק זיין.
אַלע וועלטן — גאַנס געצעלטן.
זיין גוטסקייט טוט אומעטום געוועלטן.
שיק דיין לויב,
ער איז אומעטום, אין קלענצטן זונשטויב.

ב

אין דיין בריוו,
דער גלויבן, טרייסטנדיק טריפט.
אין מיר אַ וויסטער טרויער איז אויסגעבריט.
און עס פּיַנצטערט אין מיר די שרעק פון טאָג:

דער האַרבסט פּליקט די בלעטער.
זונשטויב שטראַלט
אויף ביימער, גריז און ברעטער.

אַ מאַשין בייסט די ערד איין,
עס האַקן זיך צו שטאַלענע ציין.

אַרבעט, געזאַנג און פרייד,
פאַר קינדער ברויט צו זעט, אין צייט.
דער טאָג האָט די טאַטעס גליק צוגעטיילט.

דרייט מאַשין און פאַרטויבט,
טוט זיך בלויז אַ בייג אויס, אַ שטויס.
און צעשעקעט איז אַ מענטש
ווי אַ הייפּטל קרויט.
קלייבן אַרבעטער ביין צו ביין,
קלינגען צווישן שטיין.

ג

און פֿאַרנאַכט:
די זון ברענט אויס,
אויף די הענט פֿון ריטער־מאָנומענט.
מיניענדיקער לאַמפּן־שיין.
דער הימל לויטער, ריין.
און אַ קאַליקע באַ אַ וואַנט,
הוידעט זיך אויף קוליעס.
די פּיס צונויפֿגעקלעמט,
די אויגן אימהדיק, ווילד,
דאָס פּנים צעפּייניקט, צעקרימט.
און עס טוט אַ ריס אַ יאָמערלעך געוויין:
מיינע פֿיס צענעמט, איך וויל גיין!

ד

טאַטע האַרציקער,
עס בויערט אין מיר דאָס געוויין
פֿונעם מענטשן־ליים, פֿונעם שטומען שטיין.
און עס איז אַ צופֿאַל בלויז,
וואָס איך בין נישט געליימט
ווי יענער מאַן.
און איצט, אַהיים איך שפּאַן.

יאָ, מען טאָר נישט טרויעריק זיין,
די וועלט איז גוט און שיין?!

אין אַ נאַכט

אונטער נעפּלדיקן טוי, צווישן שטיינער,
ליגן אַרבעטלאָזע — הונגעריקע בינטלעך ביינער.
קרישלט עמעצער פֿאַרדאַרט ברויט.
איינער קראַצט די לייזיק, פֿאַרטריקנטע הויט.
און בייזע ווערטער פֿאַלן איבערן פּלויט.

טיפֿער שלאָף אַרום.
דאָס טייכל בלויט און שומט.
בלויז אין ליכטיקן האָטעל
הוליעט פֿאַרשייט,
די ווילדע פֿרייד.

און לבנה רויט און גרויס,
ברענט צווישן ביימער אויס.

איך בין היינט אַ רויטער קריגער

זומער טאָג.
אַ זילבערן שטעקל — אַ שטראַל,
בויערט אין וואַסער גרונט.
וואַרפט מיין יינגעלע אַ שטיינדל,
ווערט אין טייכל אַ רינג,
און די גרינע שטילקייט טוט אַ זינג —

האָט מיין יינגעלע געלאַכט.
די ביימער האָבן פונדערהויך,
די פרייד צו אים געבראַכט.

נאָר איך האָב פון די שפּאַנישע ברידער געטראַכט.
אומרו האָט אין מיר זיך געצונדן,
ביז דער העלישער פלאַם פון שלאַכט
האָט די שרעק פון מיר אַפּגעבונדן:
טונקלען די אויגן ווי פאַרהויכט גלאָז.
דאָס פּנים טוליעט זיך אין גראָז.
עם האַגלען, עם שווישטשען קוילן.
אין שטורם, דורך אַלע גרוילן,
איך לויף מיט די רויטע קריגער —

וויקן זיך אין בלוט די וועגן.
האָבן מיר רויטע קריגער,
אויף פעלדער זיך געצויגן,
מיט שאַרפע שפּיז דעם שונא געבויגן — — — —

איך בין אַ גאַנצן טאָג אין שלאַכט.
די פינצטערניש האָט דעם וואַלד אַרומגעבונדן.
אין טייכל האָבן שטערן זיך שוין אָנגעצונדן.
מיין יינגעלע האָט אין חלום זיך צעלאַכט.
און כאָטש אַרום איז שטום, פאַרטראַכט,
מיר דאַכט, עס קלאַפּן שווערע טריט.

קלעטער איך איבער אַ פעסטער מויער.
די פינצטערניש אין צימער —
אַ פאַרשלאָסענער טויער.
בויג איך זיך איבער מיין יינגעלעס בעטל אַריבער:
מיין ליבער, איך בין היינט אַ רויטער קריגער.
איך בין היינט אַ רויטער זיגער —

אַ פֿאַרגיט

אַ פֿאַרגיט,
איר שפּאַנישע ברידער,
פֿאַרוואָס איך טו דאָ ביים טייכל זיצן,
און איבער מיר רעדן ביימער־שפּיצן.
איך האָב געדאַרפֿט מיט אייך מיטגיין,
צוזאַמען מיט אייך אַקעגן טויט שטיין.

אַ פֿאַרגיט,
איך האָב געדאַרפֿט אַ ברודערלעד, האַרציק וואָרט
אייך זאָגן.
אין בענקשאַפֿט נאָך אייער סליאַד
זיך נאָכיאָגן.
און כאָטש דער פּיין מיין געביין טוט נאָגן,
טו איך ביים טייכל זיצן,
און איבער מיר רעדן ביימער־שפּיצן.

אַ פֿאַרגיט,
פֿאַרוואָס איך בין ווייט איצט פֿון אייך.
עס יאָמערט אין מיר אַ פֿאַרשטומט געוויין.
דער פּיין שאַרפֿט מיין געביין.

אין ערשטן מאַי

אין אַלע לענדער,
שאַלט רויט געזאַנג,
פּעסטער גאַנג — עס שפּאַנען ריזן,
זון צעשטראַלט אויף הענט ווי אויף שאַרף פון שפּיזן.

בלעטערן ביימער, צווייגן שטרעקן זיך:
מיר דאַרן, עס פוילן באַ אונזערע פיס,
אונזערע עפּל און באַרן.
גאַפן פעלדער. ווייכע, האַריקע גראָזן שאַרכען:
אויף אונזער פּנים שטויבט טרוקנזאַמד,
מיר בענקען נאָך אייער וואַרימער, גלעטנדיקער האַנט.

נעמט די פרייד אַלעמען אַרום,
ליכטיקער מאָרגן שוועבט אום,
אויף בוים, גראָז און בלום.

שפּאַנען מיר מוטיקע קריגער,
מיר — מאָרגנדיקע זיגער.
רויט געזאַנג שאַלט,
פּעסטער גאַנג — עס שפּאַנען ריזן,
זון צעשטראַלט אויף הענט ווי אויף שאַרף פון שפּיזן.

אַ שפּאַן בלויז

אַ שפּאַן בלויז,
און פון שטאָט אַרויס:
די רייכע גאַס ליגט ברייט און ריין,
אויסגעוואַשן יעדער שטיין.
זוניקער האַרבסט צויבערט,
ווי אין אַ וואַלד אַ שטילן.
שומענדיק שעפּטשען רואיקט איין,
ווי דאָס ווייטע פאָכען פון ווינטמילן.

און שטאָטישער ליאַרם,
ווייט, פאַרשטילט.
דער טאָג אין העלן טרוים פאַרהילט.
פאַרפלאַמטע ביימער קילן.
לוסטיק קינדער שפּילן:
דאָס הינטל וואַלגערט זיך אין ווינקל,
האַוואַקעט צום ברונעמל פון ציגל.
ווייס בלאַנקט זיין קישן,
די קינדער לאַכן אַרום די טישן.
און איך מיט מיין יינגעלע מעגן דאָ בלויז שפּאַצירן,
טאָרן מיט די הענט גאָרנישט אָנרירן.
ציילט מיין יינגעלע פון די שטיבעלעך די טירן.
וואָרענען מאַמעס: היט קינדערלעך,
איר זאָלט די שפּילעכלעך נישט פאַרלירן.

גייען מיר אַרום און אַרום,
און קערן זיך אום:
דער הימל — אַ ווייס טיכל.
די ווייט — אַ בלוי ציכל.
מיין יינגעלע זאָגט:
דאָ איז שענער ווי אויפן אינזל,
אין מעשה־ביכל.

אין מיין יינגעלעס רייד שטילער ווייטיק.
דער פאַרדראָס ווערט גרויס, ווערט צייטיק.
אַלע ווערטער פאַרשטויסן.
עס רעדט דאָס הונגעריק לעבן פון אונזער אַרימען דרויסן:
דאָס הברל דזשערי איז שמוציק, אָפּגעריסן.
זיין טאַטע איז קראַנק, ער וויל זיך דערשיסן.
די מאַמע ראַמט אין פרעמדע הייזער,
און שעפּטשעט אַ תפילה צום דערלייזער.
דזשערי עסט יעדן טאָג טרוקן ברויט.
פריידט זיך מיט אַביסל געקאָכט קרויט.
ער און מיין יינגעלע שפּילן זיך מיט קאַלך און ליים,
ער האָפט די מאַמע וועט אים ברענגען אויף קריסמעס,
אַ הילצערן פערדל אַהיים.

קערן מיר זיך אום.
שטיל אַרום.
אויפן סעדל אומעטיקט לעצטער זון־בויג.
שעפּטשענדיק דער בלעטער־נויג.
פאַרנאַכט עפנט אַ טונקל אויג.

דער אַלטער וואַגלער

פאַרנאַכט,
די שאָטנס פאַרשטעלן דעם אַלטן וואַגלער באַם גאָרטנטויער,
זיינע אויגן גרויסע, מילדע און אַזאַ שווערער טרויער.
שפּרינגען קינדער אויף אַ באַנק,
שמייכלט ער ליבלעך און היט יעדן קלאַנג,
און דאָס האַרץ זיינס ווערט לויטער געזאַנג.

דערזען אים די קינדער, ברעכט זיך אָפּ די שפּיל.
און קלוג, פאַרשעמט אַ יינגעלע בעט:
אַ מעשהלע, אַ מעשהלע איך וויל.
גלעט דער אַלטער ציטערדיק, ווייך זיין קעפּל,
און אַלע זעצן זיך אוים אויפן לאַנגן, שטיינערנעם טרעפּל
און בלייבן שטיל.

דערציילט ער:
און אָט וויינען זיינע רייד.
אָט שוועבט עמעצער אין דער וועיט.
און אָט צעזינגט זיך אַ טיפע פרייד.

און רו אַרום, נעפּלדיקער טוי.
צווישן ביימער אומעטיק, בלוי,
ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל.
גליט דאָס האַרץ און גליט.
און די קינדער ווערן איינגעוויגט, פאַרוויגט.

בלויע נאַכט

מיין ליבן לייבעלען
אַ מתנה

אויפן שליאַך בלויע נאַכט,
וואַכט און וואַכט.
אַליי־אַרום אין פרידן־רו פאַרטוליעט.
פליגן גאָלדיקן, דאָס טייכל כוואַליעט.
און דאָס ייִנגעלע אין בעטעלע,
הערט דאָס מעשהלע
פון די ברידערלעך די אַכט,
און לאַכט:

די ברידערלעך די אַכט,
זיינען קלוג און פלינק.
לויפן גיך און גרינג.
זיי שטיפן באַטאָג און שלאָפן באַנאַכט.

זיי האָבן פיינט דעם פעטער דזשאָן.
ער איז אַ פעטער, רייכער מאַן.
ער גיט קיינעם נישט קיין זאַך,
ער זיצט איינער אַליין,
אויפן באַלקאָן פון זיין דאַך.

זיי האָבן אים פיינט
פאַר נעכטן, פאַר היינט.
זיי קרימען אים נאָך,
לאַכן פון אים אָפּ.
ווייל ער איז שלעכט,
נאַריש און גראָב,
און זעט אויס,
ווי אַ קײלעכדיקער טאָפּ.

אַבער ליב האָבן זיי:
טאַטע־מאַמע,
דעם פעטער יאָמע,
און די מומע כאַמע.
זיי זײַנען אָרעם,
אָבער זייער היים
איז ריין און שיין.
ליב צו גיין צו זיי אַריין.

דער פעטער יאָמע,
לאָזט דער קליינער כייקע,
פון מויל אַרויסרייסן די פייקע.
ער לאָזט פייפקען קלאַפּן
אויף דער פּאַן.
און אַליין קלאַפּט ער צו
אויף דער קאַן.

און די מומע כאַמע,
איז טאַקע זייער אַ פרומע.
הייסט זי בערלען אָנטאָן אַ היטל,
און גיט אים ווײַנטרויבן אַ פולן זשמוטל.

דערנאָך קריכן אַלע
אַרויף אויפן דאַך.
קוקן מיט שטיקלעך גלאָז,
אויפן ווייטן שליאַך.

ב

דאָס יינגעלע הערט,
דאָס מעשהלע פון די פריילעכע,
ברידערלעך די אַכט,
לאַכט און לאַכט.
און ווערט פּלוצלינג,
שטיל און טרויעריק:
ווען די ברידערלעך די אַכט,
שיפן זיך אַריבער דעם טייך,
אין אַ שטורעם־נאַכט.
ווייל זיי האָבן זיך פאַרשפּילט
ביים פּעטער אין הויז,
זיינען זיי שפּעט פון דאָרט אַרויס.

דער שטורעם האָט זיי געכאַפּט
ביים ברעג־טייך.
אַניט וואָלטן זיי דערטרונקען
געוואָרן גלייך.

ווען די ברידערלעך די אַכט,
זיינען נאָר אַרויס אויפן ברעג,
האָט צום מעשהלע גענומען אַן עק.

לויכטן די שטערן אין טייכל.
אויף יינגעלעס פּנים אַ ליכטיקער שמייכל.
אים איז איצט גוט און פריילעך.
דאָס בעטעלע איז ווייס און ווייך,
און ער שלאָפט איין גלייך.

בלויע נאַכט,
וואַכט און וואַכט.
עס ציטערט אין דער גרינער־ווייט,
דער מאַמעס ליד פון ליבשאַפט און פרייד.

מיין קינד

ווי תמיד, מיין קינד,
דער טאַטע צויבערט אַ מעשהלע:
דער פרילינג גרינט און צעבליט.
צווישןביימער לויפט אום אַ ווינט,
פאַר די גוטע קינדער לידעלעך ער זינגט.
און דו — צעשמייכלט,
ווערסט אין ליכטיקן חלום פאַרשפינט.

און אינדרויסן שניי,
דעם ווייסן רויך דרייט דער ווינט,
יאָמערלעך וואָיען הינט.
עלעקטרישע לאָמפּן הוידען זיך און בלינדן.
זילבערנע שאָטנס ציטערן אויף און פאַרשווינדן.
שטיל — די נאַכט שליסט אויף מיינע טירן,
און נעמט אין היימישן לאַנד מיך פירן — — —

שווער איז מיין טרויער

אין שטאָט ווערט פאַרשייטער,
דער ווילדער געפילדער.

נאָר איך גיי דאָ באַזונדער,
און בענק נאָך מיין יונגסטן ברודער.

אין געסל איז שטיל און פינצטער,
אַ שיין פינטלט דורך אַ פענצטער.
אַ פאַרבלאָנדזשעט ייִנגל וויינט בײַ אַ מויער,
וויש איך אויס זיין טרער,
און פיר אים צו זיין טיר.
דאַנקט מיר זיין מאַמע און זאָגט:
עס איז אַ גרויסע שטאָט.

גיי איך ווידער באַזונדער.
שווער איז מיין טרויער.
ווייט איז פון מיר מיין יונגסטער ברודער.

דאָס ליד פון פּאָעט

אין אייער שלעכטיקייט האָט איר געטראַכט,
צו שפּרייטן איבער מיר פינצטערע נאַכט.

איר האָט פאַרטריבן מיך פון דער היים.
אַריינגעוואָרפן מיך אין גרובנליים.

אייער האַרץ איז געוואָרן קאַלטער שטיין.
פאַר מיין געשריי אין מיין פּיין,
האָט איר מיך צוגעבונדן צו שאַרפע פלעקער,
אַרום מיר געצונדן אַ העלישן פלאַקער.

איר זענט אַוועק.
איר האָט געמיינט:
טויט איז דער פּאָעט!
האָט אַ רעגן געגאָסן,
דעם פלאַקער פאַרלאָשן.

איז די זון אַרויס,
און אָנגעצונדן אויפן באַרג די קרוין.
האָט עמעצער אַ שעפּטשע געטאָן:
פאַרפּייניקטער, שטוין!
דאָס איז פאַר פּיין דער לוין.

בין איך געוואָרן דערהויבן און גרויס,
געפּלאַצט די שטריק.
איך בין פון געבונדנקייט אַרויס,
און בין אַנטלאָפן, זיך באַהאַלטן אונטערן בריק:
דער טייך איז מיר אָקעגנגעשוואומען.
דאָס וואַסער האָט געלאָשן דעם פאַרשרפהטן גומען.

און צו זיך אַליין האָב איך געזאָגט:
מענטש, דאָס לעבן בענטש!
און גערעדט האָט אַ פּאָעט,
אין טרערן איז אויפגעגאַנגען דאָס ערשטע געבעט:

זאָל די לויטערע שעה געגענען שוין.
און די זון האָט צעשטראַלט אויף מיין קאָפּ,
די גין־גאָלדענע קרוין.

האָט דאָס האַרץ פון ווייטיק זיך געשפּאָלטן,
נאָר איך האָב קיינעם פון אייך נישט געשאָלטן.
דער טאָג האָט צעהעלט גענומען שוועבן.
ליכטיק צעבליט דאָס אייגן לעבן.

און וואָס עס איז חרוב אין מיר געווען,
האָט ווידער אַזאַ שיינענדיק ליכט דערזען.

געבליבן בין איך פּאָעט,
אין טרערן וואַרעמט זיך דאָס שטילסטע געבעט.

נאָר פון אייך האָב איך זיך אָפּגעטיילט,
ווי קאָרע פון בוים אָפּגעשיילט.

געבליבן זענט איר מיט האַרץ — קאַלטער שטיין,
עס פּאַרצוקט אייך שנאהדיקער פּיין.

געזעגנט

איך דעק איין מיין ברודערלס פּיס
מיט שטרוי און מיט זעק,
און זאָג צו אים:
זאָל דיר כאָטש זיין װאַרעם אויפֿן װעג.
צעװיינט ער זיך הויך און ביטער,
און עס קאַפּען זיינע טרערן אויף מיינע הענט,
ביז עס טוט דער שליטן זיך אַ צעגליטש
און פֿאַרשװינדט —

צעװיינט זיך אין מיר דער פּיין פֿון זיין אַליין.
רוף איך מיט מיין לעצטן: זיי געזונט!
צעװאָיעט זיך אַ הונט . . .

װינטיקט אויף מיר דער שניי.
װייסע דעכער אומעטיקן פֿון װייט.
לבנה פּינטלט און פֿאַרגייט.
און אין מיר װיינט דער פּיין פֿון זיין אַליין.

אין דיין אָנדענק — רוט

כליף און כליף,
דער אָרון נידערט אין גרוב.
לאַפּעטעס ערד קלאַפּן.
נאַכט און שאָטנס דיין קבר פֿאַרכאַפּן.
און אויף די רויטע בלומען־קרענץ,
קלאָגט דער ווינט אין טויטן־טאַנץ.

קענסטו נישט שלאָפֿן אין ערדן־שטיק?
עס איז די ערד — אַ גרויסע וויג.
וואָס אַ ליד דיר זינגען?
אפשר ליו, ליו, ליו?
די מאַמע איז דאָך נישטאָ...
רואיק זשע זיך איין אַליין,
עלנט קינד דו מיין —

טיפער צער,
דיין לעבן געווען איז ליכטיקע וואר,
אויפשטיין ווילן יונגע יאר.
און מיר האבן דיך געלאזט איינע אליין,
מיט ווינט און רעגן, קעלט און שניי.
פארגיב, דאס לעבן איז שכורער ווייז.
כאטש אויפגעגאנגען איז דער טיפסטער ווײ.

יא, מיר וועלן דיך אין זיך טראגן,
דורך יארן אין קאמף וואס יאגן.
אין טאג ווען גליק וועט העלן ,
וועלן יידישע קינדער דערציילן פון דיר בא שטילע שוועלן.

אין רויטן קינדער ווינקל, אויף וואנט,
וועט אין ראם אויך הענגען דיין געשטאלט.
מיט ליבשאפט וועסטו דורך קינדערישער האנט,
צום לויטערן אנדענק ווערן דערמאנט.

גאָט

גאָט, דיינע פֿאַרלייקענער ווייסן אַז ביסט דאָ,
יאָגסט אָן אויף זיי שרעק, ברענגסט זיי רו.

אינדערשטיל, די אָפּשפּעטער — די הייסטע בעטער,
שטרעקן די הענט אין גלויבן,
פֿאַרכטיק־פֿרום פֿייכטן זייערע אויגן:

לויב, רעכטפֿאַרטיק איז דיין געבאָט,
הייליק, הייליק, איז גאָט!

דער לויב אָבער איז פֿאַלש,
פּחד וואָרגט זייער האַלדז.

און ווי איד איצט, האָט אַמאָל,
דער שטאָלצער, קרעציקער איוב,
דיר שוין געזאָגט:
נישט מיט גוטסקייט פֿירט דיין האַנט.
פֿינצטער, ווי שטויסנדיקע כוואַליעס
אויף אַ פֿעלזן־וואַנט.

רו באַהעלט און פאַרשווינדט,
קליין איז די פרייד.

דיין שלעכטקייט אָבער פאַרלענדט.
די שטראָף איז האַרבער,
פון דער גרעסטער זינד.

שיינסט אויף אין פייער־פלאַם,
רעדסט בלויז דורך ברענענדיקן־שטאַם.

וואָר, ביסט גרויס און אַלמעכטיק,
מיט דיין אָרעם,
וועלטן טורעמסט.

נאָר איך בעט נישט צו דיר,
ביסט אומדערבאַרעמדיק און נישט־גערעכטיק.
ברענגסט הונגער און נויט,
צעשטערונג און טויט.

איך האָב דיך פיינט,
האָסט אַ גרוב פאַר מיר שוין אָנגעגרייט.

נישט איך שעלט

גאָט, אין אַלערליי אָפּגעטער האָסטו זיך פֿאַרשטעלט.
בלענדסט מיט פֿייער־שריפֿט אין וועלטן־וואַלד.
דיין אמתדיק געשטאַלט באַהאַלסט.

די אויסלייזער פֿאַרנאַרסטו:
אויפֿגעלויכטן מיט ריינעם וואָרט,
הייליקן זיי מיט בלוט דיין נאָמען,
דיין לויטערע גוטסקייט זאָל קומען.

דערנאָך — ווידערשפּעניקער שטעלסטו אויף.
די שווערד פֿאַרצוקט, אומריינסט דעם סוף —

און איך דיין נעכטיקער קנעכט,
נישט מיט געבעט.
נישט איך שעלט.
ווייל, אויך די ביטערע רייד,
אין מיין מויל האָסטו אריינגעלייגט,
צושליידערן מיך אין פֿאַרלוירנקייט —

שאַל אוים

אַט אַזוי שאַל אוים דאָס ליד
פון בלוט און מוט:
טו אַ וואַרף די פייער־רוט.
האַק מיט שווערד
אין שאַרבן־קעפּ,
וויסט און וויסטער
קלעפּ נאָך קלעפּ.

גרויל און שרעק,
נישט צי די שווערד צוריק.
יאָג אַז דעם פיינט אין וועג.
ברעך אָפּ זיין לעצטן טאָג.
מילדער נישט דעם פּיין,
ביז בלוט וועט ווערן רייניק, ריין.
ליב וועט זיין אַ מענטשנס האַרץ.
טייער אַ האַלז — קווילנשוואַרץ.
און טעמפּ די גלאַנציקע שאַרף —

דערנאָך — וועט אין פאַרבענקטן פאַרנאַכט,
ציטערן דאָס ליד פון פאָעט
אויף שטילסטער האַרף —

מיין ליד

מיין ליד — הארץ פון פריד,
דיין פרייד אין אַלעמענס געמיט.

נאָר היינט ביסטו דערווידער.
פאַרשטומט האָט דיך דער פּאָעט — דיין ברודער.
און ווי אַלט, פאַרמעקט פאַרמעט — איינזאַמסט פאַרשעמט.

מיין ליד — היינט איז פייער און רויך,
ווי ליידיקע טעפּ הענגען אויף שפּיזן,
אויסגערינענע שאַרבן־קעפּ,
און אויף דראָטן גליווערן מאַרך און מח.

מיין ליד — עס טרוימט נאָך די נביאות:
„זיין וועט עס אין די לעצטע טעג".
און דער אויסדערווײלטער, אין יענער צייט,
וועט דיך אויסזינגען, מיין ליד,
און אויפלויכטן וועט דיין פרייד
אין אַלעמענס געמיט.

נישט פֿאַרשטיין

דור נאָך דור וועט פֿאַרגיין,
אַ זון וועט דעם טאַטן נישט פֿאַרשטיין.
אין טאַטן אַ בענקענדיק געוויין.
אין זון אַ שטילער פּיין.
פֿאָטער און זון,
זוכן אין אייגן הויז זיך אַרום.
דאָס וואָרט וואָרעמט אין האַרץ,
אָבער בא איין טיש, אַ טרויער בלינד און שוואַרץ.
טאַטע און זון ווילן זיך אַרומנעמען
און קענען זיך נישט געפינען,
כאָטש די ליבשאַפט האָט
זיי ביידע פֿאַרשפּונען.

דור נאָך דור וועט פֿאַרגיין,
אַ זון וועט דעם טאַטן נישט פֿאַרשטיין.

גלויבן

איך גיי,
דער טייך דרימלט איין.
די בלעטער שעפּטשען.
איך הער דאָס רעדן פון אייגענע ווערטער.
און שטערן — ברענענדיקע ליכטער,
שרעקן אין דער פינצטער.

בלייב איך ביים שטייניקן ברעג שטיין.
פאַרצווייפלונג קלאַמערט פיינלעכער מיך אַרום.
די פינצטערניש — א האַרביקער באַרג הויערט אומעטום.

שריי איך אין אַנגסט,
ווי א פאַרוואונדעטע חיה אין א פאַרהאַקטע שטייג.
ברומט דער וואַלד א לייבן־ברום.
ווי אין א רייף נעמט וואַרגן די שטום.
די וועגן פון פינצטערן שלאַקס פאַרגאַסן.
אַלע זייטן פאַרהוילן, פאַרשלאָסן.

און איך זע די גרויל:
אַ ריזיק, אָפן מויל.
אַ שוואַרצער פייער פאַרלענדט.
הונגער א בייזער גריזשעט די הייזער.
סמיקער פיבער אין די שטיבער.
יאָמערט פאַרצווייפלט אַ בעטנדיק קול:
וואו איז דער היטער?
פאַרוואָס זוימט זיך דער רעטער?

און — שוועך ראַנגלען,
שאָטנס שפּרינגען.
עס קנאַלט אַ פייער־רוט.
און עס קלינגען און עס זינגען
טריט —

ווערן מיינע הענט שטאָליק, שטאַרק.
איך צעריים די פינצטערניש — דעם האָרביקן באַרג.
און אויפגעשלאָסן,
די לבנה איז אָקעגנגעלאָפן.
דאָס פעלד ליגט פריי און אָפן.
דער טייך דרימלט ביים שטייניקן ברעג.
שטיל און ליכטיק וואַרט דער וועג.
פון ווייט, פלאַמט די שטאָט מיט פייער־אויגן.
פון אויבן לויכט לבנה — אַ זילבערנער בויגן.
וואַקסט אין מיר דאָס גליק פון מאָרגן.
וואַקסט אין מיר דער גלויבן —

אינהאַלט

בענטשונג

פארווינט — 5
וואר — 6
נישט געמינערט — 7
בענטש — 9
ווי העל — 10
אפגעבליט — 11
לבנהדיקער טרויער — 12
פון ווייטסטן וואגל — 13
הארבסט — 14
בענטשונג — 15
מיר פארגעסן — 16
אונט־רויט — 17
בענקשאפט — 19
אונט — 20
בענקשאפט — 21
ווידער — 24
גוט און לויטער — 25
הארבסט — 26
ווינטער — 27
אויף קאנאדער ערד — 28

ווייסער טרויער

(אין סאנאטאריע)

שטיל געוויין — 33
משה — 34
ערשטע נאכט — 35
אין לאנד פון טויט — 37
ערשטער שניי — 38
נאך א זאווערוכע — 40
פארנאכט — 41
פארלאזן — 42
אונטיק — 43
ווייסער טרויער — 45
טויט — 46

אין לעצטן צימער — 47
א בריוו — 48
שלמהקע דער בעקער — 50
זינק איך — 53
אין ליכטיקן באַזונדער — 54
פרייד — 55
אין שטורעם — 56
וואַלד — 57
האַלבער טאָג — 58
אונטער העלן שאָטן — 59
איך בין שוין געזונט — 60

פאַרשעמט

פאַרשעמט — 63
אַ רעד צו מיר מיין קינד — 64
באַם פלויט — 65
שאָטנס דריי (באַלאַדע) — 66
דאָס יינגעלע פון פוילן — 76
יאַשעק — 77
פויער פאַר אַהיים — 78
דער טאַטע — 80
איך בין אַנגעגרייט — 82
דער סאָלדאַט בעט — 84
אין פלאַקער — 85
געבליבן — 87
עס פירט מיך מיין טויטער ברודער — 88

עס ליכטיקט

דאָס שטעטל און די היים — 91
פרייטיק צונאַכטס — 93
לידיק — 94
טאַטע (פּאָעמע) — 96

דער טאַטע געזעגנט זיך — — — — — — — — — — — — — — — 103
ווינטער נאַכט (באַלאַדע) — — — — — — — — — — — — 106
נפתלי באַטוויין — — — — — — — — — — — — — — — 112
אין אַ הייסן תמוז־טאָג (באַלאַדע) — — — — — — — — — 115
עס ליכטיקט (פּאָעמע) — — — — — — — — — — — — 118
משה איז געקומען אַהיים (באַלאַדע) — — — — — — — — 128

גלויבן

ברויט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 137
ליכטיק — — — — — — — — — — — — — — — — — — 138
מיינע לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 139
שטיל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 141
די מאַמע — — — — — — — — — — — — — — — — — 142
מיד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 143
ערב קריסמעס — — — — — — — — — — — — — — — — 144
אַ צופאַל בלויז — — — — — — — — — — — — — — — 145
אין אַ נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — 147
איך בין היינט אַ רויטער קריגער — — — — — — — — — — 148
אַ, פאַרגיט — — — — — — — — — — — — — — — — 150
אין ערשטן מאַי — — — — — — — — — — — — — — — 151
אַ שפּאַן בלויז — — — — — — — — — — — — — — — 152
דער אַלטער וואָגלער — — — — — — — — — — — — — 154
בלויע נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — 155
מיין קינד — — — — — — — — — — — — — — — — 158
שווער איז מיין טרויער — — — — — — — — — — — — 159
דאָס ליד פון פּאָעט — — — — — — — — — — — — — — 160
געזעגנט — — — — — — — — — — — — — — — — — 162
אין דיין אַנדענק רוט — — — — — — — — — — — — — 163
גאָט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 165
נישט איך שעלט — — — — — — — — — — — — — — — 167
שאַל אויס — — — — — — — — — — — — — — — — — 168
מיין ליד — — — — — — — — — — — — — — — — — 169
נישט פאַרשטיין — — — — — — — — — — — — — — — 170
גלויבן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 171